STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05026

GEFLEKHT FUN TSVAYGN

Miriam Krant

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Theodore & Lenore Sofia
in honor and in memory of
their family and their dear ones they have in their hearts

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים קראַנץ

עסייען און לידער

Miriam Krant

GEFLECHT FUN ZWEIGEN
(Entwined Branches)

Essays & Poems

Printed by :
LARRY PRESSE INC.
5555 Pare
Montreal, Quebec
Canada

MONTREAL - 1995

מרים קראַנט

געפלעכט פון צווייגן

עסייען און לידער



פון : שחר "קיבוץ טרענדס", 1994
COVER PHOTO BY SHACHAR "KIBBUTZ TRENDS" 1994

•

• •

אין די דאָזיקע עסייען (וועלכע זענען, אגב, געווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן און צײַטונגען) זוך איך צו מאָלן די גײַסטיקע פּאָרטרעטן פון אַ צאָל דיכטער און דיכטערינס און אָנצוווײַזן דעם חשובן אָרט וואָס זיי פאַרנעמען אין אונדזער פּאָעזיע. קיין איינער פון זיי איז שוין ליידער ניטאָ מיט אונדז. אָבער זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַ גלענצנדיקע ירושה.

אַ סך פון זיי האָב איך געקענט פּערזענלעך. איך גלויב אַז מען קען דערפילן די וואַרעמע פרײַנדשאַפט וואָס איך האָב געפילט צו אייניקע פון זיי אינעם אופן ווי איך שרײַב וועגן זיי. איך האַלט עס פאַר אַ באַזונדערע זכיה וואָס איך האָב זיי בײַם לעבן אַלעמען געקענט.

מ.ק.

מיין זון שלמהן

עסייען

ה. לייוויק

לייענענדיק לייוויקס דיכטונג ווערט מען דורכגענומען מיט אַן אומרו. עס איז נישט דער געוויינטלעכער אומרו וואָס מע טרעפט ביי דיכטער. לייוויקס אומרו איז טיף און ווייטיקדיק. דער צאַרטער פּאָעט זאָגט וועגן זיך אַז זיינע אויגן זענען ״שפּיציק״ און אַז זיין גאַנג איז אַ ״חלפדיקער״... אָבער ער ווערט נישט איבערגעוועלטיקט פון זיין צער. שטאַרקער פון אַלץ איז דער דיכטערישער חלום און וויזיע וואָס פילט אים אָן מיט גלויבן.

צו לעבן קינדיש, צו לעבן גלויביק
— אויף דעם בין איך געקומען אויף דער ערד.

לייוויק האָט אָנגעהויבן שרייבן ווען ער איז נאָך געווען אַ חדר-ייִנגל. צו צוועלף יאָר האָט ער שוין פאַרשריבן גאַנצע העפטן מיט העברעיִשע לידער. שוין אין זיינע גאָר ערשטע געדרוקטע לידער פילט מען אַ רייפקייט.

נאָך אַלס יינגל האָט זיך לייוויק אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס האָט געפירט צו זיין אַרעסט און זיין פאַרשיקונג קיין סיביר. די לאַנגע יאָרן אין תּפיסה האָבן איבערגעלאָזן שאַרפע שפורן, נישט נאָר אויף זיין געזונט, נאָר אויך אויף זיין גאַנצן לעבענסגאַנג.

צוליב זיין פאַרשיקונג האָט זיך דער דיכטער געמוזט שיידן מיט זיינע עלטערן ווען ער איז נאָך געווען גאַנץ יונג. אין האַרצן איז ביי אים פאַרבליבן אַ שטענדיקע בענקשאַפט נאָך זיי. אין זיינע לידער דערציילט ער וועגן דער גרויסער אָרעמקייט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט.

זיין פאָטער איז געווען אַן אויפגערעגטער און אַ שווייגנדיקער. ער האָט געהאָפט אַז פון זיין געראָטענעם זון וועט אויסוואַקסן אַ רב. ער האָט אַלע מאָל איינגעטענהט מיט אים זיך אויפצופירן ״לייטיש״. דער סענסיטיווער ייִנגל, וועלכער איז פון דער נאַטור געווען אַ שטילער, האָט זיך נאָך מער פאַרשלאָסן אין זיך. דער פאָטער האָט נישט געקענט פאַרשטיין זיין שטילקייט. ער האָט אים דערפאַר אַ צונאָמען געגעבן ״מענדל נאַר״. דעם קליינעם

לייוויק האָט עס געאַרט, און עס האָט אים ווי געטאָן וואָס דער פאָטער האָט אים זעלטן ווען אַרויסגעוויזן ליבשאַפט.

אָבער מיט יאָרן שפּעטער האָט לייוויק פאַרשטאַנען דעם טאַטן, און דערפילט אַ טיפע מיטלייד צו אים. דורך זיין ליד זוכט ער זיין נאָענטשאַפט. ער שטעלט זיך פאָר אַז ער רופט אים. דער פאָטער רעדט צו אים און צערטלט אים מיט אַ שולד-געפיל. ער גרויסט זיך מיט זיין זון.

טאַטע-לעגענדע

יינגל דו מיינער, יינגל דו מיינער,
איך בין דיין טאַטע דער רויטער.
טראָג אויף דיין האַנט מיינע אַלע באַרירן.
טראָג אויף דיין מויל מיינע קושן,
וואָס איך האָב געוואָלט און געזאָלט
און אייביק געשעמט זיך דיר צו געבן.

ער דערמאָנט זיך אין אַ יום-טוב ווען ער איז געגאַנגען מיטן טאַטן אין שול, און דער טאַטע האָט אים אָנגעהאַלטן פאַר אַ האַנט. דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ זעלטענע פרייד.

דער טאַטע פירט מיך פאַר אַ האַנט אין שול.
דער טאָג איז פרימאָרגנדיק זוניק.
דער טאָג איז — יום-טוב.

דער דיכטער פאַרהייליקט זיינע עלטערן. זיין מאַמען רופט ער "מאַמע שכינה", און דעם טאַטן, "טאַטע כהן" (דער טאַטע איז טאַקע געווען אַ כהן). ער שטעלט זיך פאָר אַז ער איז ווידער קליין, און זיי וויגן אים איין. ער ברענגט זיין יונגער מאַמען (זי איז יונג אַוועק פון דער וועלט) באַרויקונג און פרייד — עפּעס וואָס איז אים קיין מאָל נישט געלונגען איר צו ברענגען ביים לעבן.

די לידער וואָס לייוויק ווידמעט זיינע עלטערן, פאַרנעמען אַ באַזונדערן אָרט אין זיין דיכטונג.

מערקווירדיק זענען דעם פּאָעטס זכרונות וועגן "מענדל נאַר". מענדל נאַר איז געווען דער וואַסער-טרעגער פון שטעטל. ער איז געווען אַ תּם. ער האָט תּמיד געשמייכלט. אפילו ווען מען

האָט אים נאָכגעשריגען, האָט ער אַלץ געשמייכלט. דער קליינער לייוויק האָט אָנגעהויבן נאָכצוקוקן דעם וואַסער-טרעגער און ער איז ביי אים אויסגעוואַקסן ווי אַן אויסטערלישער מענטש, אַ "למד-וואָווניק." פאַר דעם דיכטער איז ער פאַרבליבן ווי אַ סימבאָל פון גוטסקייט און עניוות.

אין די מעמואַרן וועגן זיינע קאַטאָרגע-יאָרן אין סיביר, דערציילט דער דיכטער וועגן אַן אַלטן קראַנקן מאַן, וועלכער האָט אים אַוועקגעגעבן זיין איינציק העמד. אויך יענער האָט תּמיד געשמייכלט, ווי דערמיט וואָלט ער באַוויזן גובר צו זיין זיינע ליידן. דעם חכמהדיקן, גוטמוטיקן שמייכל פון אַ מענטש, וואָס נעמט אַלץ פאַר ליב, האָט לייוויק געשטרעבט זיך אָפּצולערנען. ער האָט געזוכט צו דערגרייכן די מדרגה פון עניוות און פּשוטער גוטסקייט. אָבער ער איז קיין מאָל נישט געווען צופרידן מיט זיך. זיין גאַנץ לעבן האָט זיך לייוויק געלייטערט.

דורך די גאָלדענע סוף-טאָגיקע זיפּן
זיפּ איך דורך די רעשטלעך פון מיין שינאה.

ער דערמאָנט זיך אין די חדר-יאָרן, ווען ער מיט זיינע חברים האָבן זיך איין מאָל נוקם געווען אין אַ חבר, אַ מסור. דער רבי האָט לייוויקן דאַן צום ערשטן מאָל געשלאָגן, און ער איז געווען צופרידן וואָס דער רבי האָט אים באַשטראָפט.

דער פּאָעט טאַדלט זיך און די וועלט. ער פּראָטעסטירט קעגן עוולות און אומרעכט. אומעטום זעט ער די זעלביקע תּפיסות וועלכע פינצטערן אָפּ אומשולדיקע מענטשן. די קראַפט, זאָגט ער איז נאָך אַלץ ביים אומגערעכטן, און דער אמת איז נאָך אַלץ ביים פאַרראַטענעם.

אין זיינע תּפיסה-לידער שילדערט דער פּאָעט די ענגע דריקנדיקע אַטמאָספער פונעם צעל.

דאַכט מיר, אייביק וועל איך זיצן
איינגעשמידטערהייט:
קיין מאָל קען איך נישט דערהיטן
ווי די זון פאַרגייט.

קיין דיכטער האָט נישט געשריבן אַזוי פיל וועגן חורבן ווי לייוויק. ער איז געווען פון די ערשטע זיך צו זען פנים-אל-פנים מיט די געליטענע. גלייך נאָכן קריג, איז ער אָפּגעפלויגן צו באַזוכן די יידן אין די לאַגערן. ער האָט בייגעוווינט די ערשטע חתונות אין די לאַגערן, און אָנגעשריבן די דראַמע "די חתונה אין פערנוואַלד", וואָס איז נאָך דעם געשפּילט געוואָרן אויף דער אַמעריקאַנער בינע. ער האָט אויך אָנגעשריבן "דער נס אין געטאָ", און זיין באַרימט בוך לידער "אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען". דער פּאָעט האָט זיך געפילט שולדיק וואָס ער האָט נישט מיטגעמאַכט די זעלביקע יסורים ווי די קרבנות. אין אָנבליק פונעם גרויסן אומגליק האָט דאָס וואָרט אין גאַנצן פאַרלוירן זיין זין.

קריג — האַס — נויט באַאומרויִקן דעם דיכטער. באַזונדערס קומט דאָס צום אויסדרוק אין זיינע "לידער פון אומקום", וואָס הייבן זיך פאָרט אָן מיט אַ געזאַנג צו דער הייליקייט פונעם לעבן. אָבער דער ליכטיקער מאָמענט וואָס לייכט דורך זיין דיכטונג איז דער חלום און די בענקשאַפט נאָך אַ דערלייזער, וואָס וועט סוף-כל-סוף אויסלייזן דעם מענטשן. דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט אַרויסגעבראַכט אין זיינע דראַמאַטישע פּאָעמען: "דער גולם", "די גאולה קאָמעדיע", און "די קייטן פון משיח".

נאָך דעם גרויסן חורבן, וואָס איז געשען דעם יִדישן פאָלק, באַווייזט זיך דער אויפבוי אין ישראל ווי אַן אויפגייענדיקע זון פאַרן פּאָעט.

אינעם געשטאַלט פונעם יונגן חלוץ וועלכער לייזט אויס דאָס לאַנד מיט מי און מיט ליבשאַפט זעט ער דעם גואל פון אונדזער צייט, און ער פאַרוועבט אים אין לעגענדע.

לייוויק ברענגט אָפּט אַרויס די נאָענטע שייכות פונעם מענטשן צו דער נאַטור. עס ווייזט זיך אים אויס אַז די נאַטור ווערט אָפּגעפרעמדט פונעם מענטשן ווען ער באַגייט זיינע עוולות קעגן איר.

דער דיכטער ״פֿאַרמענטשלעכט״ די נאַטור. ווען דער ווינט ברעכט אָפּ אַ צווייג (״אַ האַנט״) פֿונעם עפּלבוים, גלעט ער אים און ער טרייסט אים אַז ער וועט געזונט ווערן.

ווונדערלעך איז דאָס ליד וועגן אַ קראָליקל, וואָס דער דאָקטער האָט אויפֿגעהאָדעוועט און דערנאָך אַזוי ״פֿאַררעטעריש״ געטויט צוליב זיינע עקספּערימענטן. דער דיכטער רופֿט עס אָן ״קראָליקל קינד״.

זעלטן ווען אַז מען געפֿינט ביי לייוויקן שפּילעוודיקע לידער. אַן אַנגענעמע איבעררא‌שונג איז דאָס פּראַכטופֿולע ליד ״יינגל״. וואָס איז פֿול מיט ״שמייכל, סוד און שפּיל״. דאָ ״זעט״ דער דיכטער די וועלט אַן ערשט-באַשאַפֿענע. ער זוכט דערפֿאַר אַ ניגון.

נאַכט און פֿייער-פֿליגן,
אַ פֿאַרדרייטער שליאַך,
כ׳זוך פֿאַר זיי אַ ניגון,
כ׳זוך פֿאַר זיי אַ שפּראַך.
אַלע ווערטער גאַפֿן
ביי דעם מינדסטן זאָג —
וועלט איז ערשט באַשאַפֿן,
וועלט איז אַלט איין טאָג;
... ערשט אַרויס פֿון תּהומען
צו אַ זין, אַ ציל —
אַלץ איז נאָך אָן נאָמען,
שמייכל, סוד, און שפּיל.

גרויס איז די פֿאַרשידנאַרטיקייט אין דעם פּאָעטס פֿאָרעם און ריטעם — פֿון די גאָר קורצע, ענג-געגראַמטע שורות וואָס באַשטייען אַמאָל פֿון צוויי און דריי ווערטער, ביז צו די לאַנגע אויסגעצויגענע שורות, געשריבן אין ווייסן פֿערז, ווי אין ״דער וואָלף״, אָדער אין ״וואָלקנס אַ הינטערן וואַלד״. פֿאַראַן אויך סאָנעטן און לידער וואָס לייענען זיך ווי תּחינות.

אינטערעסאַנט איז דעם דיכטערס באַציִונג צו זיין אייגן ליד. הייליק איז דאָס ליד ביי אים ווי דאָס געטלעכע וואָרט ביים נביא.

הייב אויף צום הימל דיינע
אויסגעבענקטע רייד
ווי גאָט אַליין וואָלט מיט זיין פלאַם
דיין ליפּ באַרירט.

דער דיכטער איז פאַרליבט אין זיין ליד און ער פאַרגלייכט עס צו אַלץ וואָס איז שיין.

ליד — מיין הירש מיט פלאַנטעוודיקע הערנער.

אַז ער טראַכט וועגן זיך ווי אַ דיכטער, זעט ער זיך אַ ליכטיקן מיט אַ ווייסן בלענד אין די האָר.

איך וועל אַ ליכטיקער אייביק זיין.

מיט זיין ליד טראָגט ער זיך אַריבער אין אַן אַנדערער וועלט און מיט זיין ליד פאַרשפרייט ער כּישוף.

אַלץ וואָס קומט אין וועג, פאַרכּישוף איך,
פאַררענדער,
אַלץ ווערט שפּאַנונג און דערוואַרטונג
און גענאָד.

אין זיינע שפּעטערדיקע לידער בעט ער זיך ביי גאָט, אַז ער זאָל נישט פאַרטויבן זיינע חושים, און אַז ער זאָל נישט אָפּטאָן דאָס הייליקע "פייער" פון אים.

דער פּאָעט נוצט אָפט די ווערטער "פייער" און "פלאַם". זיין ליד איז ווי דער ברענענדיקער דאָרן וואָס ווערט נישט פאַרברענט.

לייוויק איז נישט נאָר אַ גרויסער דיכטער. ער איז אויך אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. ער איז דער איידעלער שטראָפער, דער נביא און דער כּהן אין אונדזער דיכטונג.

☆ ☆ ☆



ה. לייוויק אין 1938

מאַני לייב

גרויס און דערהויבן איז די דיכטונג פון מאַני לייב. עס איז פול מיט עקסטאַז און אויפגעפראַלטקייט. — דאָס אַראָפּנידערן צו תהומען, און דאָס אויפהייבן זיך צו די העכסטע הייכן. עס איז שירה, אַ געזאַנג צום וועלט-באַשאַף.

זיין אויג איז אָפן פאַר אַלע שיינקייטן. מיט אומרו און צאַרטקייט וויברירט זיין ליד. די זאַנגען ציטערן פון פרייד, און דער ים רייסט ווילד זיינע צאַמען, שפרינגענדיק צום מולד אַרויף.

דעם דיכטער ווייזט זיך אויס אַז ניט אַנדערש נאָר פון ווינט איז ער געשפונען.

ניין, ניט פון ערד, פון ווינט האָט ער
מיך אויסגעשפונען,
פון לעבדיקן אָטעם זיינעם.

און ער רופט, ער שאַלט אויס צו די הימלען:
הימל בלוי, ברייטער אויס דיינע הייכן,
דאָס בין איך, יענער ריטער, דער זינגער,
פון איר ליכט קום איך שרייבן איר צייכן
אויף דיין בלוי מיט מיין נאַקעטען פינגער.

זעלטן ווען מען באַגעגנט ביי אַ דיכטער, דערצו נאָך ביי אַ יידישן דיכטער, אַזא פאַרליבטקייט, און אַזאַ שפיגלען זיך אין זיין אייגענער פּאָעטישער שיינקייט, ווי מען זעט עס ביי מאַני לייבן. ער רופט זיך אַליין אָן מיט די ליבלעכסטע צונעמענישן. אַ מאָל איז ער דער מאַמעס "דודע", וואָס דודעט גלאַט אין דער וועלט אַריין, און אַ מאָל איז ער דער הירש דער פלינקער, וואָס פליט איבער אָפענע הייכן, און ער שטעכט מיטן האָרן די שטערן. אָבער פאַר זיינע לייענער איז ער "דער ריטער פון געבענקטער בלוי" — איך בין דער ריטער

איך בין דער ריטער פון געבענקטער בלוי,
אויף גאָטס ראָזע, הייליקע וועגן.
מיין בענקשאַפט איז ווייס ווי די מילך און טוי
און זיס ווי דער האָניק-רעגן.

מײַן פּאַנצער, מײַן שווערד, — מײַן וואָרט און מײַן
בלוט.
מײַן צייכן — דאָס גרין פון צעדער;
דער הויכער הימל — מײַן בלויער הוט,
די זון — מײַן גאָלדענע פעדער.

מאַני לייבס גראַם איז אַ זעלטענער. זײַן ריטעם איז קאַפּריזנע אין זײַן שײנקייט, אין די אָנרעגונגען צו זײַנע שטימונגען. להיפוך צו אַנדערע ייִדישע דיכטער, דאָמינירן בײַ אים די פריידיקע מאָטיוון. באַזונדערס איז דאָס צו זען אין זײַנע מעלאָדישע קינדער-באַלאַדן און פאָלקס-מעשיות. דאָ פילט מען דעם אָטעם פון זיסער פרילינג-לופט, און פון אַלץ וואָס דערמאָנט אין בבא-מעשה און שפּיל.

אַז לידער שרײַבן מיינט "כּישוף טרײַבן" ווײַזט אונדז דער דיכטער טאַקע דאָ אין די קינדער באַלאַדן וועלכע זענען פול מיט כּישוף און שטיפערישן אײַנפאַל. אין דער שפּילעוודיקער אַטמאָספער פונעם קינד וואַקסט דער יונגער מאַני לייב אויס מיט זײַן גאַנצן חן.

... ערגעץ ווײַט, ווײַט פון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפן, ניט מיט פערד —
ערגעץ אויף אַ ווײַטער ערד —

... האָט זיך אײן מאָל דאָרט געטראָפן,
אַז דער זומער איז אַנטלאָפן.
(פון "יינגעל צינגל כוואַט")

איינע פון די פּערל אין אונדזער ליטעראַטור איז זײַן באַלאַדע "דרײַ זין מיט אַ מאַמען", ווו ער דערציילט ווי די אָרעמע מאַמע שיקט אַרויס אירע זין צו דעם פעטער וועלכער איז רײַך און קאַרג, און וווינט אויפן שפּיץ פון אַ הויכן באַרג. דער וועג אַרויף איז אַ שווערער, און יעדעס מאָל ווען איינער פון זיי דערנענטערט זיך צום שפּיץ, דערזעט ער פאַר זיך מיט אַ מאָל דאָס אויפגיין פון דער זון. פּרעכטיק איז דאָ די שילדערונג פון דעם

[illegible] דאָס ווערט יעדעס מאָל איבערגעחזרט ווי אַ רעפרען פון אַ ניגון.

אויפן באַרג, דאָרט אויבן,
העט אויף דער סאַמע הויך,
ברעכט ליכט מיט גאָלד און זילבער
דורך גרינגען טוי און רויך.
און אָט — איין קליינע רגע,
דאָס ליכט גייט אויף אין פלאַם,
און נאָך איין קליינע רגע —
דער פלאַם ווערט ווי אַ ים.

עפּעס ווונדערלעכעס געשעט ווען דודע, דער ייִנגסטער, קלעטערט אַרויף אויפן באַרג. ער דודעט, ווי געוויינלעך, אויף זיין דודע, און די גאַנצע נאַטור אַרום דודעט מיט. ניט נאָר דאָס, אַלע באַשעפענישן גייען אים נאָך, און דודען מיט מיט אים.

די באַלאַדע איז התלהבותדיק ווי אַ סך אַנדערע שאַפונגען זיינע, און אויך פול מיט הומאָר. אויף אַ שטיפערישן שטייגער לאַכט ער אָפּ פון די אַנדערע זין. איינער איז אַ פוילער און דער אַנדערער אַ פרעסער. — אָבער בשעת-מעשה פילט מען דאָך זיין מילדע און האַרציקע באַציִונג צו זיי.

אָבער מאַני לייבס דיכטונג איז נישט דורכויס פרייד אָדער שפּיל. מען פילט אויך אין זיינע לידער עצבות און אַ שטילע בענקשאַפט.

דער דיכטער געהערט צו דעם דור רוסיש-ייִדישע דיכטער וועלכע זענען געווען באַאיינפלוסט פון דער רוסישער פּאָעזיע פון יענער צייט. ער האָט געמאַכט אַ סך ווונדערלעכע איבערזעצונגען פון פושקין, לערמאָנטאָוו, בלאָך, יעסענין, און אַנדערע. ער איז, אגב, אויך געווען באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

אַ באַזונדערע נאָענטשאַפט האָט ער געפילט צו דעם יונגען יעסענין וועלכער האָט אַליין צעשטערט זיין לעבן. צו אים שרייט ער אויס:

אַך, דו שכּורער יונג, ווי דו האָסט אָן אַ האַק
דעם בוים מיט די קאַרשן אַרונטערגעהאַקט!

מיט באַדויער שרייבט ער וועגן דער גרויסער פּערזענלעכקייט ברוך וולאַדעק (אַ ברודער פון דעם קריטיקער ש. ניגער און פון דעם דיכטער ד. טשאַרני), וועלכער האָט געווידמעט זיין גאַנצע צייט צו געזעלשאַפלעכער אַרבעט, און בשעת-מעשה פאַרנאַכלעסיקט זיין פּאָעטישען טאַלאַנט. ער שטעלט זיך פאָר אַז ווען ער איז געבליבן אַליין מיט זיך, האָט ער דערהערט אין זיך "דאָס געוויין" פון זיינע ניט געזונגענע לידער. דערביי פילט מען אויך ווי עיקרדיק ס'איז געווען פאַרן פּאָעט זיין ליד.

ניי און אייגנאַרטיק זענען געווען זיינע סאָציאַלע לידער פאַר יענער צייט (אין אָנהייב פון צוואַנציקסטען יאָר-הונדערט). זיי זענען פול מיט פּאַטאָס און באַטרעפיקע מעטאַפאָרן, דאָ ווערט דער אַרבעטער געמאָלן אין זיין ביטערער דאָליע. דער דיכטער אַליין איז געווען אַן אַרבעטער. דערפאַר האָט ער זיך געפילט גלייך מיט אים איינגעשפּאַנט אין זיין שווערער מי, און אים אויפריכטיק פאַרשטאַנען און מיטגעפילט.

מאַני לייב האָט ווייניק דערמאָנט וועגן דעם אין זיינע שאַפונגען, אָבער ס'איז אַ פאַקט אַז ס'האָט אים שטאַרק ווײ געטון צוזעענדיק דעם גלייכגילט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו דער ייִדישער קולטור און שפּראַך.

זיין דיכטונג איז רייך אין ייִדישן פאָלקאָר. אַ באַזונדערע נאָענטשאַפט האָט ער געפילט צום פשוטן, אָרעמען פאָלקסמענטש. ער האָט געזען אין אים תּמימות און בטחון, און געוועבט אַרום אים לעגענדעס.

דאָ באַווייזט זיך דער אליהו געשטאַלט, און לייזט אים אויס אין אַ שעת הדוחק. צווישן זיינע קינדערלידער איז פאַראַן אַ גאַנצער ציקל אליהו לידער.

ער איז געווען אַ וויכטיקער פאָרשטייער פון דער פלעיאַדע "יונגע" וואָס האָט געזוכט נייעם אינהאַלט און נייע פאָרמען פון אויסדרוק אין דער ייִדישער פּאָעזיע. מיט זיינע קינסטלערישע

אַטריבוטן האָט ער עס דערגרייכט אין דער פולער מאָס. ווי טייערע שטיינדלעך האָט ער געקליבן זיינע ווערטער, און אַליין זיי באַוווּנדערט. יעדעס וואָרט איז ווי דער טאָן פון אַ ניגון.

לויט ווי ראובן אייזלאַנד (וועלכער האָט זיך אגב, געחברט מיט דעם דיכטער), דערציילט אין זיין בוך "פון אונדזער פרילינג", האָט מאַני לייב געהאַט אַ באַזונדערע הנאה זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס וועגן דעם מהות פון קונסט, באַזונדערס דער וואָרט-קונסט. ער דערציילט אַן אינטערעסאַנטן אַנעקדאָט וועגן דעם.

איין מאָל, באַזוכנדיג מיט אים איינעם פון זיינע דרוקער, האָט דער פּאָעט אילוסטרירט פאַרן דרוקער מיט אַביישפּיל ווי אַנדערש אַ דיכטער קען זען אַ גאָר געוויינלעכע זאַך.

אויף דער סטעליע פון דער ביוראָ איז געווען אַ לעמפּל מיט אַ שירעמל. אַ שטריק איז אַראָפּגעהאָנגען פונעם שירעמל. עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ גלעזערן קעסטל. מאַני לייב האָט אויפגעוויזן ווי דער אָפּשיין פונעם שירעמל מיטן שטריק איז אינעם קעסטל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואַסער ליליע וואָס האָט זיך געוויגט אויף איר לאַנגען שטענגל (דעם שטריק). פאַר דעם פּאָעט האָט ער געטענהט, איז אַזא אָפּטישע אַנטפּלעקונג פונקט אַזוי רעאַל, אויב נישט נאָך מער, ווי דאָס לעמפּל. מען טאָר דערפאַר נישט זאָגן אַז זיין ליד איז פאַלש ווייל ער זעט עפּעס אַנדערש.

אין אַלץ אַרום אים, אויך אין טאָג-טעגלעכן לעבן האָט דער דיכטער געזען נאָר נס און וווּנדער.

וווּנדער איבער וווּנדער
אומעטום, אין אַלץ !
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווייסן זאַלץ.

ער האָט געגלויבט אַז אויב די שיינקייט פעלט אַרום אים, דאַרף דער דיכטער עס אויסכּישופן פון זיין געמיט.

נאָר די שיינקייט קומט דאָך ניט
ווי אַ רעגן קומט אַליין.
כּישוף זי פון דיין געמיט
ווי דעם פונק פון קיזלשטיין.

דער דיכטער דערמאָנט אינעם גרויסן ענגלישן פּאָעט דזשאָן קיטס (פונעם אָנהייב 19טן י.ה.) וועלכער האָט אויך ווי ער געחלומט פון שיינקייט. ער האָט געגלויבט אַז אין דעם ליגט דער גאַנצער זין פון לעבן. "שיינקייט איז אמת, און אמת, שיינקייט", האָט ער געשריבן. שיינקייט איז פאַר אים געווען ווי אַ סינאָנים פון אמת.

מערקווירדיק איז דער פאַקט וואָס מאַני לייבס אַ ליד "דער אינדישער פויגל" רופט זיך איבער מיט אַ ליד פון קיטס מיטן נאָמען "אָדע וועגן אַ גריכישער אורנע" (אַ מין וואַזע). צוליב דעם שותּפותדיקן מאָטיוו. מייסטעריש שילדערט מאַני לייב אַ געמעל אויף אַ טעפּער. דעם פויגל ציט צו פליען, אָבער ער קען נישט. ער איז געפאַנגען פונעם טעפּער.

קיטס, ווידער, באַשרייבט אַ סצענע מיט פיגורן אויף דער וואַזע. אויך ער האָט פאַרדרוס וואָס אַלץ שטייט אויף אַן אָרט, און קיין זאַך רירט זיך נישט.

ברייטאָטעמדיק און וויטמאַניש זענען די שורות ווו דער דיכטער ברענגט אַרויס די צוגעהעריגקייט פונעם מענטשן צו דער נאַטור.

ערד איז אין דיר — אירע ריחות און טעמען.
ים איז אין דיר — און זיין טויבער געזאַנג,
זון איז אין דיר — אירע לויטערע פלאַמען,
ווינט איז אין דיר — און זיין אייביקער גאַנג.

אַז ער רעדט וועגן פאַרלאָזן די וועלט, זאָגט ער אַז די גאַנצע זון "פון אַלע זיבן עקן" וועט מיטגיין מיט אים.

דורכגעטראַכט און פאַרטיפט זענען די סאָנעטן וואָס מאַני לייב האָט אָנגעשריבן ביים סוף פון זיין לעבן. תּפילהדיק איז דער

סאָנעט ווי ער בענטשט די אַלע וווּנדער וואָס ער האָט אויף זיין לעבן געזען, און וואָס זינגען אַזוי דערהויבן אַרויס פון זיין ליד.

... טויזנט מאָל געבענטשט זאָל זיין
פון מיין געבאָרן יענער ערשטער טאָג,
ווען איך האָב אַלדי וווּנדער אויף דער וועלט דערזען.
איך זאַמל זיי דורך טעג און וואָרעם זיי און טראָג
צו לייגן זייביים קבר, ווו די פיין שלאָפט איין
פאַר גליקלעכע ווי איך, וואָס וועלן קומען ווען.

דער גרויסער דיכטער האָט גוט געאַנט וועגן די ווערטן פון זיינע לידער, ווען ער האָט זיי געזאַמלט און "געוואַרעמט" דורך די טעג פאַר די גליקלעכע וועלכע וועלן קומען נאָך אים, און אַרבן זיין גרויסע ירושה.

☆ ☆ ☆

י. י. סיגאַל

י. י. סיגאַל איז די תּפילהדיקע געשטאַלט אין דער ייִדישער דיכטונג. לייענענדיק זיינע לידער, פילט מען אַז מען טרעט אריין אין זיינע קודשי קדשים. ער איז דער גרויסער פּאָעט וועלכער האָט אין זיין ליד צוריק אויפגעלעבט דעם אַמאָליקן, דערהויבענעם שטייגער לעבן פון שבת-יום טוב און חסידות. ער באַטראַכט עס פאַר אַ זכיה וואָס ער האָט עס אַליין בייגעווינט, און ער שרייבט וועגן דעם מיט בענקשאַפט און התלהבות — מיט "טרויער-פרייד".

יעקב יצחק סיגאַל האָט געשטאַמט פון א לומדישער משפחה. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט וואָס ווערט דערציילט אַז אַ געוויסער יעקב אַניפּאָלער פון דער מוטערס צד, האָט געלערנט מיטן בעל שם טוב פאַר זיין נתגלה ווערן.

דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל, סלאָבקאָוויץ, אין אוקראַינע. ווען ער איז געווען בלויז דריי יאָר

אַלט, איז זיין יונגער טאַטע, וועלכער איז געווען אַ חזן, אַ סופר, און אויך אַ למדן, נפטר געוואָרן.

אויף זיין יונגער מאַמען איז געפאַלן די שווערע לאַסט צו דערציען די משפחה פון פיר קליינע קינדער. זיי האָבן געלעבט אין דחקות. אויך שפּעטער — זיין גאַנצע לעבן איז דעם פּאָעט באַשערט געווען צו ליידן נויט.

לויט ווי זיין שוועסטער די דיכטערין, אסתּר סיגאַל, האָט איבערגעגעבן, איז דער קליינער יאַנקעלע געווען שטיל און שעמעוודיק. ער האָט ליב געהאַט צו שניצן אויף האָלץ. ער איז געווען אַ נאַכלעסיקער און האָט אָפט פאַרגעסן אָדער פאַרלוירן זיינע זאַכן, ווייל ער איז אַלעמאָל געווען פאַרטאָן אין זיך.

יאַנקעלע האָט געלערנט אין אַ תּלמוד-תּורה ביי אַ מאָדערנעם לערער. אַחוץ חומש האָט ער אויך געלערנט העברעיִשע ליטעראַטור. דער לערער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס אין זיינע שירים. אַכט יאָר איז ער אין גאַנצן אַלט געווען ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. צוערשט האָט ער געשריבן אויף העברעיִש און רוסיש. ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט ער געשיקט זיינע לידער צו זיין עלטערן ברודער נחמיה, אויך אַ פּאָעט, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין אַן אַנדערער שטאָט, און האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער.

צייטונגען זענען אַלעמאָל אָנגעקומען צו זיי אין שטוב פון דער גרויסער שטאָט, און יאַנקעלע האָט זיי געלייענט מיט נייגעריקייט. ווען ער איז צו פערצן יאָר אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט ער גלייך אויסגעזוכט יידישע ביכער און זשורנאַלן. מיט זעקס יאָר שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער און עסייען.

ביי זיין לעבן, האָבן מיר אונדזער בן-עיר, סיגאַלן, אָפט געזען אַ לאַכעדיקן, פול מיט שפּאַס און שפּילעוודיקייט. דאָס פּנים איז ביי אים אַלע מאָל געווען ייִנגלש פאַרשייט. דאָס ביסל גרויע האָר אויף זיין קאָפּ איז דאָרט געווען נאָר ווי על פּי טעות. עס האָט זיך

אויסגעוויזן אַז ער וועט קיין מאָל ניט אַלט ווערן, און ער וועט אַלע מאָל זיין מיט אונדז.

אָבער איצט, אַז מיר טראַכטן זיך אַריין אין דעם, קומט אויס אַז די שטיפערישקייט זיינע איז נאָר געווען ווי עפּעס אַ מין צעשטרייונג. דאָס איז געווען נאָר דער אויסערלעכער סיגאַל, ווי ער איז דערשינען פאַר אונדז. עס איז אָבער געווען אַן אינערלעכער, אַ טיפערער סיגאַל. אָט דער סיגאַל פלעגט אויפשטיין שפּעט אין דער נאַכט, ווי די פרומע ייִדן אַ מאָל צו חצות, און אויסזינגען זיינע תפילות.

אויב מען קען זאָגן אַז געוויסע שרייבער און דיכטער זענען ווי רביים, איז י. י. סיגאַל זיכער איינער פון זיי. ערגעץ זאָגט ער וועגן זיך "איך בין אַ רבי אָן חסידים".

אין דער צייט וואָס אַרום זענען פאָרגעקומען מלחמות און אומרועו, האָט אין דער אַטמאָספער פון חסידים געהערשט שלום און רו. די אָרעמסטע און פשוטסטע, אַלע זענען זיי געווען גלייך בכּבודיק אַרום דעם רבינס טיש. אין פשטות זאָגט דער פּאָעט, איז דאָ תּמימות און ערלעכקייט. און דאָס איז דער תּמצית פון לעבן.

חסידים האָבן זיך אויסגעלעבט אין נגינה, געזאַנג. דער דיכטער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין אַ חסידישער משפחה, פלעגט אָפט הערן חסידים זינגען. אין זיינע לויטערע שורות זוכט ער אויסצוזינגען זייער ניגון. —

און ס'האָט זיך דער ניגון
גינגאָלדיק געגאָסן
אין מיין וואָרט, אין מיין אות,
אינעם כוס פון מיין לשון.

דעם דיכטער ווייזט זיך אויס אַז דער ניגון וואַנדערט אום, און מאָנט פון אים אַ תּיקון דערפאַר ווייל קיינער זינגט אים ניט מער. ער מוז אויפקלייבן די "שברי ניגון", און אים צוריק גאַנץ מאַכן.

ביי פּרצן איז פאַראַן אַ דערציילונג "מקובלים", און דאָרט געפינען זיך אַזעלכע שורות: "עס איז פאַראַן א ניגון וואָס מוז

האָבן ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידריקע בחינה... עס איז פאַראַן א העכערע בחינה... אַ ניגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער ניגון! דער ניגון מוז האָבן אַ קול... איז נאָך נישט קיין אמתע רוחניות! ... דער אמתער ניגון זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ... דאָס איז שוין אַ חלק פון אַ ניגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, פון דער נשמה וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין איר...״

ווער עס האָט געהערט סיגאַלן זינגען מיט זיין דין, איידל קול, האָט געהאַט דאָס געפיל אַז ניט ער האָט געזונגען, נאָר עס האָט אַרויסגעזונגען פון אים — ווי ער אַליין זאָגט עס אונדז אין די שורות.

און פלוצעם דערהערסטו: אין דיר אַליין
זינגט דער ניגון פון תהילים און רו.
און ערד און הימל און דו אַליין
שטיין און הערן צום ניגון זיך צו.

אין איינעם פון זיינע לידער זאָגט ער:
איך בין נאָר אַ ניגון —
איבער אייער וועלט דורכגעגאַנגען.

י. י. סיגאַל איז געווען אין גאַנצן דורכגענומען מיטן גייסט פונעם בעל שם טוב. אויך ער האָט פאַרמאָגט אין זיך די פאָלקסטימלעכקייט און טיפע דבקות פונעם בעש״ט. וואָס איז געווען דער בעש״ט איז זיין יוגנט? — א פשוטער באַהעלפער. אָבער פאַר אונדזער דיכטער וואַקסט דער באַהעלפער אויס צו אַ סימבאָלישע פיגור. ער איז דער ״באַהעלפער הקדוש״ וועלכער לערנט א״ב מיטן פאָלק, און פאַרהיט אים פון אַלע געפאַרן.

מיט עקסטאַז באַזינגט דער פּאָעט זיינע ייִדן. זייער ליכטיקער בטחון און פעלדזיקע גבורה זענען זיי בייגעשטאַנען דורך אַלע נסיונות אין זייער מאַרטירער-געשיכטע.

כ׳וועל איטלעכן פשוטן ייִדן באַזונדער
רופן מיטן נאָמען גרויס פאָלק ישראל.
יעדער ייִדישער ייִד איז נס, איז וווּנדער.

ווי וווּנדערלעך ס׳איז דאָס כל בית-ישראל.
... אַזוי פיל פּינצטערניש געזען און געבליבן ליכטיק.

הייליק איז אויך די גלות-ערד. אויף איר איז אומגעקומען אַ גרויסער טייל פון פאָלק על קידוש-השם. אויף איר זענען אויך געשאַפן געוואָרן גרויסע קולטור-ווערטן. ער טראַכט אַז ווען ער וועט אַמאָל פאָרן קיין ישראל, וועט ער מוזן, למען השם, געדענקען מיטצונעמען "א זעקעלע גלות-ערד פון דעם פּאַרווייטיקטן באָדן".

און זיכער איז ער, אַז זייענדיק אין ישראל, וועט ער בענקען נאָך "גלות-השכינה". ער וועט זיך מוזן, זאָגט ער, אַוועקזעצן און אָנשרייבן אַ "ספר גלות" און דערציילן וועגן אַלע זיינע וווּנדער.

דער דיכטער באַווייִנט אָפּט דעם חורבן, און זאָגט אַז עס באַגלייט אונדז כסדר. ער ווערט אָבער ניט פאַרמרה-שחורהט. ער מונטערט, און מוטיקט דאָס פאָלק.

קלייב דאָס בראָכוואַרג צונויף פונעם שטויב,
פאַרריכט וואָס מ׳קען פאַרריכטן.
שטעל אַריין די צעבראָכענע שויב,
מאַך אַ ברכה לאור: זאָל זיין ליכטיק.

ניט נאָר שטילע, תּפילהדיקע לידער האָט סיגאַל געשריבן, נאָר אויך שפּילעוודיקע, פריידיקע, פאַר קינדער. דאָ דערזעט מען מיט אַ מאָל זיין שטיפערישן שמייכל, און מען הערט ווי ער רעדט דעם קינדערישן לשון. ער שפּילט זיך מיט דעם קליינטשיקן קינד, און עס דאַכט זיך אַז מען הערט זיין האַרציקן געלעכטער. עס איז, אגב, אַרויס אַ גאַנצע זאַמלונג פון זיינע קינדער-לידער.

בערעלע

בערעלע ציט זיך
און וויל ווערן גרויס
כאָטש ביז צום קיך-טיש
אין זייער הויז.

טוט זיך אַ צי
און לאָזט זיך אַראָפּ.
טאַפּט זיך ביים אַקסל,
טאַפּט זיך ביים קאָפּ.

און אַזוי האָבן מיר אים געקענט — סיי אַלס אַן ערנסטן און פּאַרטראַכטן, און סיי אַלס אַ וויצלער און שפּילעוודיקן.

"ווער ס'איז נאָר ברודעריש אריינגעגאַנגען אין מיין ליד" זאָגט דער דיכטער, "האָט ער דערזען דורך אַלע אומעטן, מיין יונגשאַפּט בליען". און דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק אין זיינע שאַפונגען.

ער פילט אַ באַזונדערן אָפּשיי און נאָענטשאַפט צו זיין טאַטן, דעם למדן און סופר, וועמען ער האָט אַזוי פרי אָנגעוואָרן. גאַנץ אָפט רעדט ער צו אים און פּרוּווט זיך שאַפן אַן אָפּבילד פון אים. ער שטעלט זיך פאָר אַז בשעת דער טאַטע האָט געשריבן די הייליקע אותיות אויף דער יריעה, האָט געהערשט אַן אומגעוויינלעכע שטילקייט אין שטוב. ערשט דאַן ווען ער האָט אויפגעהערט שרייבן, האָט ער ווידער דערהערט "דאָס קול פון דער וועלט".

מ'ווייסט: דער טאָג איז אין גאַנצן דעם טאַטנס,
אַ ריינער, אַ ציכטיקער, ווי ער אַליין,
און ער לאָזט נישט צו קיין שאָרך פון שעטנז
ביז די זון אויף די ווענט נעמט זיך פאַרגיין,
און ער נעמט אַוועק פון דער יריעה די אויגן,
קוקט זיך אַרום און דערזעט די וועלט.
שטעלט אויפן באַנק זיך, דרייט אָן דעם זייגער
און הייבט אָן הערן דאָס קול פון דער וועלט.

דעם פּאָעטס רעליגיאָזיטעט שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע אָריגינעלע מעטאַפאָרן.

איך צינד מיינע לידער ווי ליכט נאָך דיין נאָמען.
ווי קנויטן אין ערדענע קריגעלעך בוימל.

רירנדיק איז אויך געווען סיגאַלס פֿריינדשאַפֿט מיט דעם קראַנקן, איידעלען דיכטער חיים קרול, מיט וועמען ער האָט זיך דורכגעשריבן אַלע יאָרן. מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט פֿלעגט קרול ענטפֿערן אויף זיינע בריוו: "יעקבשי, מיין טייער ייִנגל"... מיט ליבשאַפֿט און מיטלייד שעפּטשעט סיגאַל צו אים אָפּט אין זיין ליד.

קרול, איידעלער בחור, פֿרום ייִנגל,
וואָס האָט זיך קוים פֿאַרבייגעשאַרט
ביים וואַנט פֿון דער גרויסער וועלט,
איך וועל דיין נאָמען נישט אויפֿהערן דערמאָנען.

"זי איז פֿול מיט לידער, מיין נשמה". סיגאַל איז געווען כולו דיכטער. ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ בעטלער און אַ קעניג — זיין ליד איז געווען זיין עשירות: "מיין גינגאָלדענע תּהילים-עשירות".

אָבער שווער און ענג איז אים געווען זיין אייגן לעבן. דער עול פֿון טאָג-טעגלעכער וואָכעדיקייט האָט זיך אַראָפּגעדריקט ווי אַ משא אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס. — "איך נעבעך אויף דער וועלט ווי אין אַ פֿרעמדן איינפֿאָר-הויז", זאָגט ער אין זיין ליד, און ער בעט זיך:

וויג און רויִק איין מיין לעבן,
מיין לעבן טוט מיר אַזוי וויי.

אין זיין וועלט פֿון חלום האָט ער געפֿונען אַ תּיקון. אין זיין תּפֿילהדיק ליד האָט ער זיך געפֿילט געלייטערט און געשטאַרקט.

☆ ☆ ☆

י. י. סיגאַל

יוסף ראָלניק

ביי דאָס רוב דיכטער איז דאָ די בענקשאַפט נאָך שטילקייט און רו. ביי ראָלניקן, אָבער, פילט מען די שטילקייט אין זיין דיכטונג אַליין. זי איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין ליד.

יוסף ראָלניק האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער ווען ער איז געווען זעכצן יאָר אַלט. ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ דערפל מיר, אין דער ליטע. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער מילנער. ווען דער יונגער ראָלניק איז אויסגעוואַקסן, האָט ער זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן אין זיין דערפל. עס האָט אים געצויגן צו דער גרויסער שטאָט ווו ער האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט.

נישט קענענדיק געפינען קיין ריכטיקע באַשעפטיקונג, איז ער מיט דער צייט אַוועק קיין אַמעריקע. אָבער דאָס דערפל איז אים אַלץ נאָכגעגאַנגען ווי אין חלום. ער האָט תּמיד געזען פאַר די אויגן די דאָרטיקע פּייזאַזשן, און דאָס דאָרטיקע לעבן בכלל.

„מיין ערד... איך האָב דיך פון מיין טאַטן געאַרבט, און מיט מיינע בעסטע פאַרבן געפאַרבט". אַזוי זאָגט ראָלניק אין זיינס אַ ליד, און ער פירט פאַרביי פאַר דעם לייענער פאַרשידענע געשעענישן און מאָמענטן. ער דערציילט וועגן אַ שניט, וועגן אַ יאַריד, וועגן די פּרנסות, וועגן דער שול, וועגן די לאַנדשאַפטן אין אַלע צייטן פון יאָר, און נאָך, און נאָך. עס דאַכט זיך אז ער לאָזט קיין זאַך נישט אויס.

ער זוכט אויפצולעבן די גאַנצע אַטמאָספער פון זיין דערפל מיר און ווידער צו דערשפירן אַלע אירע ריחות און דערהערן אירע קלאַנגען.

אין ראָלניקס שאַפונג פילט מען דעם גייסט פונעם דאָרפסמענטש וועלכער לעבט מיט דער נאַטור און מיט זיינע שטוב-חיות, און זאַפּט אין זיך איין זייער שוויַיגן און זייער שטילע תּמימות.

עס קומען אָן ווערטער צו שווימען
גנאָדיקע, ווייכע און פרומע,
איך האָב איבערגענומען דאָס לשון
פון שעפסן און קעלבעלעך שטומע.

אין זיין בוך "זכרונות" דערציילט דער דיכטער אַז אין די פראָסטיקע נעכט "האָט די מיל געשוויגן מיט אַ פחדיקן קלאַנג". אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט, האָט ער געהערט ווי די מיל "שווייגט".

אין אַ ליד "די שרפה" זאָגט ער אַז נישט דאָס שטאַרקע קלינגען פונעם קלויסטער גלאָק, און נישט דעם אַלאַרמירנדיקן אויסגעשריי האָט ער געהערט אינעם טאָג פון דער שרפה, נאָר "די פלוצעמדיקע שטילקייט אין די הענט פון די ייִדן וואָס האָבן די גמראס צוגעמאַכט".

יוסף ראָלניק איז געווען אַ שווייגנדיקער און אַן איינזאַמער. ער איז געקומען צום שלוס אַז סוף כל סוף לעבט יעדער מענטש ווי אין אַ צעל, און קיינער ווייסט נישט וואָסביים צווייטן טוט זיך. מען רעדט צווישן זיך אַ סך אויבערפלעכלעכע רייד, אָבער וועגן וואָס עס רירט אָן צום טיפסטן, האַלט מען אין זיך פאַרבאָרגן.

דעם דיכטערס תּפילה-לידער דריקן אויס טיפע עניוות.
ווי גראָז אין פעלד, פון יעדן ווינט
זיך בויגן, בויגן מיינע טריט,
ווי גראָז אין פעלד — דאָך אומפאַלן
דערלאָזן ווערסטו ניט.

אָדער אין אַזעלכע שורות:
נידעריק, נידעריק בויג איך מיין קאָפּ,
ביז צו דעם שטויב פון דער ערד.
זאָל ער ווי שטראָמען אַריבער מיין קאָפּ,
דער זודיקער שטויב פון דער ערד.

לייענענדיק זיין בוך "זכרונות", געפינען מיר אויס מער פּרטים וועגן זיין לעבן און זיין פּערזענלעכקייט, און זיינע לידער ווערן אונדז מער פאַרשטענדלעך.

ראָלניק דערציילט אַז עס זענען געווען צייטן ווען ער האָט אין גאַנצן נישט געשריבן ווייל די לידער האָבן זיך ביי אים "אויסגעשעפּט". אָבער ווי אויפגעריכט איז ער געוואָרן ווען דאָס ליד איז צו אים צוריקגעקומען. ווען דער דיכטער רעדט וועגן דעם, קומט אים אויפן זינען אַ ליבע דערמאָנונג. אים גערדענקט זיך אַזוי גוט ווי זיין קינדערש האַרץ האָט געפלאַטערט ביים באַגעגענען דעם נס פונעם אויספּיקן זיך פון די ניי-געבאָרענע גענדזעלעך. און ער מאַכט דעם איידעלען פאַרגלייך צווישן דעם שטילן קלאַפּן פון גענדזעלע אין איי צו דעם אָנקלאַפּן פון ליד אינעם טירל פון זיין געמיט.

דאָס ליד איז ביי אים געווען דער אָנהאַלט און דער אינהאַלט פון זיין לעבן. תפילהדיק בעט זיך דער דיכטער:

רייס די שפּינדל ניט פון האַנט,
האַק דעם פלאַקס ניט איבער,
לאָז מיך שפּינען, שפּינען נאָך
מיט געזאַנג און פיבער.

מען שפּירט אין זיין ליד אַ זעלטענע דינקייט און אַ צאַרטקייט. דאָס ליד איז "פּאָך פון פליגל". ער קען עס קוים פאַרטרויען דעם טינט און פּאַפּיר.

זיין לעצט בוך "געקליבענע לידער" ווייזט אונדז ווי זעלבסט-קריטיש דער דיכטער איז געווען צו זיין אייגענער דיכטונג. פאַראַן דאָרט אַ ציקל לידער "דער תנא זאָגט". דאָ ווי אַנדערש ווו געפינען מיר לידער פול מיט חכמה און פּיקחות. און לויט דעם שטייגער פון אַ חכם, זענען ביי אים נישטאָ קיין איבעריקע רייד.

מיט זיין גאַנצן ערנסט האָט יוסף ראָלניק אויך געקענט זיין שפּילעוודיק. אין זיין ליד "מיין שטעטעלע" נעמט ער אַרום מיט איין האַנט דעם טייך, מיט דער צווייטער די שול, און אין אַ גרויסן זאַק פּאַקט ער אַריין "אַלע דריבנע שטיבעלעך", און פאַרוואַרפט עס אויפן קאַרק.

אין דעם ליד ״דער ערשטער פּאַפּיראָס״ דערציילט ער וועגן זיין יוגנט, ווען ער מיט זיינע חברים האָבן געוואַגט אָפּצוטאָן אַלערליי שטיפערייען וואָס זיי האָבן געוווּסט אַז מען טאָר נישט. אָבער גאָט, אַנטקעגן ווענען זיי האָבן גערעדט מיט עזות, איז געזעסן אויף זיין היסב-בעט און אַריינגעלאַכט אין זיין ווייסער באָרד אַריין.

אָריגינעל און סענסיטיוו זענען זיינע ליבע-לידער. טייל קלינגען ווי האַרציקע פֿאָלקסלידער.

וווּנדערלעך איז דאָס ליד ״אין פולן וואָגן היי״ ווו דער פּאָעט שילדערט אַ סוף-זומערדיקע נאַכט.

פאַראַן סוף-זומערדיקע נעכט. אין זיי
איז גוט צו זיצן אין פולן וואָגן היי.
דער פערד ווייס בעסער נאָך דעם וועג ווי דו.
אַ גרויסע שטילקייט, אַ גרויסע רו.
דו דרעמלסט איין, און לאָזט אַרויס
פון האַנט די לייצע, זי פאַלט אין שויס.

דאָס ליד איז אָנגעפילט מיט אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט און רו. עס דערמאָנט אין אַן ענלעך ליד פון אַמעריקאַנעם דיכטער ראָבערט פראָסט (צו ווענען, אגב, ראָלניק איז שוין פריער פאַרגליכן געוואָרן).

ראָלניקס ליד איז אויסגערונדיקט און פאַרפאָלקאָמט. ער האָט אַ סך געאַרבעט איבער דעם. גאַנץ אָפט האָט ער געשריבן עטלעכע ווערסיעס איבער דער זעלבער טעמע.

מיט זיין גאַנצער באַשיידנקייט און הכנעהדיקייט ווייזט ער דאָך אַרויס אַ פעסטקייט און אַ טיפן גלויבן אין זיך. צום בעסטן כאַראַקטעריזירט דער דיכטער אַליין זיין ליד ווען ער פאַרגלייכט עס צו אַ רייפן עפּל וואָס ״האט געטרונקען שוואַרצע נאַכט און מיט סוף-זומער איז זי זאַט״.

יוסף ראָלניקס דיכטונג איז יחידיש. עס איז ווי אַ קאָלעקציע פון פאַרחלומטע לאַנדשאַפטן. די בילדער דריקן אויס זיין געמיט

וואָס איז געווען פארלוירן און שטיל ווי זיין דערפל. און אין זיי וואַקסט ער אויס ווי אונדזער גרויסער דיכטער פון שטילקייט.

☆ ☆ ☆

מ. קראנט (לינקס), י. ראָלניק, א. מאַזע

רחל קאָרן

רחל קאָרנס דיכטונג פאַרמאָגט אַלע אַטריבוטן. אירע שורות זענען ריטמיש און מעלאָדיש. שפעדיק איז איר ליד מיט פּייסאַזשן און מעטאַפאָרן. עס איז אויסדריקלעך און דערהויבן. זאַפטיק איז איר לשון. אַ באַזונדערן קאָלאָריט גיבן צו די לאָקאַליזמען.

די דיכטערין האָט אַרויסגעגעבן ניין ביכער. איינער פון זיי "שניט", איז פאַרניכטעט געוואָרן ווען די נאַציס זענען אַריין אין רוסלאַנד, ווו זי האָט זיך דאַן געפונען. צווישן די ביכער געפינען זיך צוויי בענד דערציילונגען. זי האָט אויך געשריבן ליטעראַטור-קריטיק.

זייער אַ סך האָט רחל קאָרן דורכגעמאַכט אין איר לעבן. צו עלף יאָר איז זי געוואָרן אַ יתומה נאָך איר פאָטער. אין איר יוגנט איז זי געווען איינגעזעצט אין תּפיסה פון דער פּוילישער פּאָליציי ערב דעם ערשטן מאַי. שפּעטער האָט זי דורכגעלעבט די צווייטע וועלט-מלחמה און דעם אומקום פון איר משפּחה צווישן דער ריזיקער צאָל קרבנות.

פול מיט טרויער איז איר ליד. עס איז דורכגעווייקט מיט "נישט אויסגעוויינטע טרערן". "אַלע טרויערן", זאָגט זי, "האָבן זיך פאַראַנקערט ביי מיין שוועל".

כאָטש די דיכטערין איז געווען אַזוי פאַרטרויערט, זענען אירע חושים געווען וואַך פאַר אַלע שיינקייטן;

אַזוי פיל מאָל שוין אומגעקומען, און דאָך קער איך זיך אום
און ווער ניי-געבוירן,
... ווי אַ קערנדל האַרבסט-צייט אין רוי-ערד פאַרזייט.

רחל קאָרן, רחל (ווי מיר האָבן זי גערופן ביים ערשטן נאָמען), אונדזער בת-עיר, איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף ווו אירע עלטערן האָבן געהאַט אַ סאָד. די דאָרפישע סביבה האָט איר פאַרשאַפט אַ סך פרייד. אין איר ליד פילט מען איר נאָענטשאַפט

צו דער נאַטור. ערגעץ באַטאָנט זי, "מיין קינדהייט וואָרצלט אין דאָרף".

זי פלעגט נאָכגיין די זייערס ווען זיי האָבן צעשאָטן די תּבואה אויף די פעלדער. דער גרעסטער נס איז פאַר איר געווען דאָס שפּאַלטן פון דער זריעה. די באַהעפטונג מיט דער נאַטור האָט איר אָנגעפילט מיט עקסטאַז.

אַמאָל פלעג איך וואַרטן ס'זאָל אויפגיין
די זריעה מיט שטענגלעך ווייך,
און מיטן ווינט זיך צעוויגן
ווי גרינער צעגאָסענער טייך.
מיינע באָרוועסע פיס זאָלן גראָדזען
אין דעם צעפלאָסענעם גרין,
ביז מיין לייב וועט ווערן שיכור
פון ראָסעביים מאָרגן-באַגין.

צום שטאַרקסטן קומט איר פּאָרכטיקער געפיל צו דער נאַטור צום אויסדרוק אין די ווייטערדיקע שורות וואָס קלינגען ביבליש.

עס האָט אַ זאַנג געצייטיקט זיך אין פעלד,
האָט זיך אַ מענטש פאַר איר אין תּפילה איינגעבויגן,
ווי פאַר אַ נס.

די דיכטערין פילט אויך אַ נאָענטשאַפט צו דער ערד פון וואַנען עס שטאַמען די אַלע וווּנדערלעכע פלאַנצן.

זי האָט געבענקט נאָכן דאָרף ווו זי איז אויפגעוואַקסן. פאַר די אויגן האָט זי תּמיד געזען די צעבליטע פּרוכט-ביימער אינעם סאָד פון אירע עלטערן. איר האָט זיך אויסגעוויזן אַז אין ערגעץ זענען נישט פאַראַן אַזעלכע וווּנדערלעכע ביימער.

עס קען נישט זיין אַז ס'זאָלן עפּלביימער אַזוי שמעקן
און אָנפּויען ביז שיכּרות דעם מאַיאָווע ווינט —
סיידן די לבנה גיט אַ מיש די יאָרן
און דו ווערסט אַליין צוריק אַ קינד.

באַזונדערס שטאַרק איז געווען איר בענקשאַפט נאָך איר מאַמען. ווי די דיכטערין מלכה לי האָט אויך רחל קאָרן פאַרגעטערט איר מאַמען. ווי ביי מלכה לי איז זי געווען דער סימבאָל פון שלמות. די מאַמע איז געווען פול מיט ליבשאַפט צו יעדן איינעם, און אויך צו דער נאַטור, אַזוי ווי זי אַליין. אגב, פאַראַן ביי דער דיכטערין לידער, אויך דערציילונגען, וואָס דריקן אויס מיטלייד צו הילפלאָזע און פאַרביטערטע.

ווען רחל איז אַהיים געקומען פון תּפיסה, האָט זי געפונען דער מאַמען אַ פאַרעלטערטע. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט איר די מאַמע דערציילט אַז דורך דער גאַנצער צייט וואָס זי איז געווען אין תּפיסה זענען די פענצטער געווען פאַרהאַנגען. זי האָט נישט געוואָלט קוקן אויף די צעבליטע ביימער ווייל זי, רחל, האָט זיי נישט געקענט זען. אָן אַ גרענעץ איז געווען דער מאַמעס ליבשאַפט און געטריישאַפט.

די מאַמע איז געווען אויך די געטרייע צוהערערין פון אירע ערשטע לידער (גענוי אַזוי ווי מלכה לי'ס מאַמע). זי האָט זיך געווונטשן אַז נאָך ביי איר לעבן זאָל רחל איר ווידמען אַ בוך. אָבער דאָס איז איר נישט געווען באַשערט.

איר לעצטן בוך "פון יענער זייט ליד" הייליקט רחל דעם אָנדענק פון איר מאַמען. דאָס ערשטע ליד (מיטן זעלבן נאָמען) איז איינער פון די פּערל פון איר דיכטונג. איר ווילט זיך גלויבן אַז אַ נס קען געשען, און זי וועט ווידער איר מאַמען דערזען און דערהערן איר קול — אזוי ווי אַ מאָל.

פון יענער זייט ליד קענען וווּנדער געשען
נאָך היינט, אין אַ טאָג, וואָס איז כּמאַרנע און גראָ,
ווען ער דופקט אַריין אין דעם גלאָז פון דער שויב
די צעפיבערטע בענקשאַפט פון אַ וווּנדיקער שעה.

פון יענער זייט ליד קען מיין מאַמע אַרויס.
און שטיין אויף דער שוועל אַ ווײַלע פאַרטראַכט
און מיך רופן אַהיים ווי אַ מאָל, ווי אַמאָל:
— גענוג זיך געשפּילט שוין,
דו זעסט נישט? ס'איז נאַכט.

דערפאַר ווייל די דיכטערין איז געווען אַזוי שטאַרק פּראָדוקטיוו, קען זיך אויסדאַכטן אַז איר שעפערישקייט איז איר אָנגעקומען גרינג. אָבער מיר געפינען אויס אַז נישט אַלע מאָל איז אַזוי געווען.

צייטנווייז באַקלאָגט זי זיך פאַרן באַשעפער אַז אַזוי ווי ביי איובן, האָט ער ביי איר אַלץ צוגענומען, און זי בעט אים אַז דאָס ליד זאָל ער נאָר נישט פאַרשעמען.

פאַרשעם נישט מיין וואָרט
וואָס רייסט זיך צו דיר.

אַן אַנדערש מאָל דערציילט זי אַז איין נאַכט האָט זי אין דמיון אויסגעפאַרטיקט אַ ליד. אָבער פאַרטאָג, ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זענען די שורות איר אין גאַנצן אַרויס פון זינען. יענעם טאָג האָט זי זיך געפילט זייער אַנטמוטיקט. —

עס האָט מיך גאָט גערופן באַנייען דעם בראשית
און איך — איך האָב זיין שטים פאַרפעלט און נישט דערהערט".

נישט נאָר עיקרדיק איז געווען דאָס ליד. זי האָט געהאַלטן אַז מיט איר ליד איז זי אַ שותּף צום באַשעפער. מיט איר ליד האָט זי אויך באַשאַפן איר אייגענע וועלט — "די פאַרביטענע וואָר" (דער נאָמען פון איינעם פון אירע ביכער) וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער חרובער וואָר.

די שטילקייט ביי רחל קאָרן גרענעצט זיך מיט מיסטיק. דין ביז גאָר איז דאָס שטיל תּפילהדיק ליד ווו די דיכטערין בעט דעם באַשעפער אַז ער זאָל אויפנעמען איר טרויער.

שווייג מיך אַריין, מיין גאָט, אין דיינע טרוימען
און נעם מיין טרויער אין די הענט, ווי פאַסמעס זייד —
באַקלייד מיט אים דאָס אַלץ וואָס איז בלויז אַנונג.
איך וואַרט אויף דיין באַשייד.

אינטערעסאַנט איז אויך דאָס ליד "נישט אַלץ וויל ווערן וואָרט".

ניִשט אַלץ וויל ווערן וואָרט,
ניִשט אַלץ קען ווערן ליד —
טייל מאָל ווילן שטיינער, ביימער, דוממים, זאַכן
אין זיך זיך פאַרמאַכן. —
... זיי ווערן זיך קעגן זיין שקלאַפן,
איינגערעמטע אין פאַרטיקע ראַמען.
... זיי ווילן אָפּהיטן אין זיך גאָטס אָטעם
פון ערב-בראשית דעם פאָרכטיקן ציטער.

... פאַרטראַכטע שטילקייט רייפט זיך מיט ווונדער
און האָרכט זיך איין
אין דערלייזערס ווייט-ווייטע טריט.

אַז זי טראַכט פון פאַרלאָזן די וועלט, זאָגט די דיכטערין אַז זי וועט מיטנעמען מיט זיך די שיינקייטן פון דער נאַטור, און זי רעכנט זיי אויס — אויך איר מאַמעס אויסגעצערנטן שמייכל. צום סוף זאָגט זי אַז זי וועט אויך מיטנעמען "דעם אָטעם פונעם וואָרט אין זיין לויטערסטן טרויער און שטילסטן פאַרקלער".

שטיל און לויטער איז רחל קאָרנס ליד. עס איז מיסטיש און פאַרטראַכט.

☆ ☆ ☆

יעקב גלאַטשטיין

אַז מען איז פאַראינטערעסירט אין אַ דיכטער, איז מען נייגעריק זיך צו באַקענען מיט זיין לעבן. עס איז אַ שאָד וואָס גלאַטשטיין האָט ניִשט אָנגעשריבן זיינע זכרונות. אין דער הקדמה צו זיין לעצטן בוך גיט ער איבער עטלעכע מאָמענטן פון דער צייט ווען ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, און ער זאָגט אַז ער וועט נאָך אָפּלייגן דאָס שרייבן זיינע זכרונות. ער האָט געהאַלטן אַז צו דעם נעמט מען זיך ערשט ווען מען פילט זיך שוין אַלט, און אַזאַ געפיל איז אים געווען פרעמד. "איך האָב זיך קיין מאָל ניִשט געכאַפּט אין אַ מאָמענט פון עלטער-ווערן", טענהט דער דיכטער.

יעקב גלאַטשטיין האָט געהאַט דאָס מזל וואָס זיין פאָטער ר׳ יצחק האָט אים נישט נאָר געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, נאָר האָט אים אויך באַקענט מיט דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. באַמערקנדיק אין אים אַן אינטערעס און אַ טאַלאַנט צו שרייבן, האָט ער זיך געפרייט, און ער האָט אים דערמוטיקט.

צו דרייצן יאָר האָט דאָס ייִנגל שוין באַוויזן אָנצושרייבן אַ גאַנץ בינטל מיט כתבים, און ער איז שוין אפילו געפאָרן קיין ווארשע זיי צו ווייזן פרצן, נאָמבערגן און פרילוצקין.

אין 1914 איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, און דאָ איז ער גאַנץ גיך אַנערקענט געוואָרן אַלס דיכטער מיט אינטעלעקט און מיט אַן אייגנאַרטיקער פאָרם פון אויסדרוק. ער איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון אונדזערע פּראָדוקטיווסטע שרייבער. ער איז אויך געווען אַ וויכטיקער טאָן-געבער אין ייִדישן לעבן.

אין גלאַטשטיינס דיכטונג איז דאָ נישט נאָר פיינע ליריק, נאָר אויך שפּילעוודיקייט און הומאָר. מיט בייסיקן סאַרקאַזם שרייבט ער וועגן דעם אומיושר אין לעבן. אָפּשטויסנדיק זענען געווען אין זיינע אויגן די אָפּגעפרעמדטע, אַסימילירטע ייִדן וואָס זענען תּמיד גרייט מבזה צו זיין דאָס פאָלק.

דאָמינירנדיק איז דאָ דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו. גרויס איז די פּאָעטישע עשירות. עס פאַרבענקט זיך צוריק צו קומען און איבערלייענען די לידער ווידער און ווידער אַ מאָל. אויף אַ באַזונדערער קינסטלערישער הויך שטייען זיינע חורבן-לידער. זיי לייענען זיך ווי פּיוט. דער דיכטער זאָגט קדיש נאָך זיינע אומגעקומענע ייִדן. ״אונדזער גאַנצער מאַרטירער-לעבן אַנטקעגן זיי ווערט בטל״, זאָגט ער.

דער חורבן פון זיין אייגענער געבורטס-שטאָט לובלין, דאָרט וווּ ער האָט זיין קינדהייט פאַרבראַכט, און אויך אַ טייל פון זיין יוגנט, פאַרשאַפט דעם דיכטער אַ באַזונדערן צער. ער פילט ווי ״אַ גאַנץ תּנכל וואָלט פינצטער און שטום געוואָרן״.

און אַז ער דערציילט וועגן זיין ברודער בנימין וואָס איז אומגעקומען אין איינעם מיט דער משפחה, האָט מען דעם

איינדרוק אַז דער פּאָעט האָט אין זינען אויך טויזנטער אַנדערע אַזעלכע אָרעמע, פאַרהאָרעוועט בעלי מלאכות, וועלכע האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל ווי ער.

און אַז ער שילדערט זיין מומע ציפּען, וואָס איר מויל איז געווען ווי "אַ תהילימל מיט גרייזן", ווי "קלעצל-שריפט" איר שטערן, און ווי "פּאַרמעטלעך" אירע באַקן, וועלכע איז געזעסן אין מאַרק און זיך געוואַרעמט ביים פייער-טאָפּ, און האָט אַלץ גענומען פּאַר ליב, אַבי זי האָט נאָר געקענט שיקן אירע דריי זין לערנען אין חדר, ווייסן מיר אַז זי איז דער פּראָטאָטיפּ פון אַ סך אַזעלכע צידקותדיקע פרויען. אגב, דערמאָנט זי אונדז (ווי אויך די וווּנדערלעכע מאַמע לידער) אין דער פרומער מאַמען אין חיים גראַדעס איידעלען ראָמאַן "דער מאַמעס שבתים". אין דעם דאָזיקן אָפּגעציטערטן ליד מיט אירע פיינע מעטאַפאָרן, שפירט מען דעם טעם פון תחינות.

פּחד, צער און צאָרן פילט מען ביים לייענען דאָס בוך "שטראַלנדיקע יידן", וואָס איז כמעט אין גאַנצן געווידמעט דעם חורבן. (עס איז דערשינען נאָך דער מלחמה אין 1946). עס עפענען זיך דאָ אויף אַלע רויע וווּנדען. עס דאַכט זיך אַז מען זעט נאָך די שאָטנס פון די אויסגעצערטע מתים אומגיין. מיט שוידער פילט מען דאָס קלינגען פון די קלויסטער-גלאָקן.

... גלין-גלאָן, מוראדיקע קלויסטער-גלאָקן קלינגען.
צו מיין געשאָכטענער טויב, צו דער כּנסת ישראל,
שיר - אַ געזאַנג וועל איך זינגען,

פול מיט פּאַטאָס און פאַנטאַסטיק איז די צווייטע פּאָעמע "ווידערשטאַנד אין געטאָ", די געטאָ קעמפער האָבן זיך איינגעפלאָכטן און איינגעצווייגט ווי ביימער אין זייער קאַמף, און זיי זענען געוואָרן "איין געטלעכער אַנאָנים". (פונעם ערשטן פערז דאָ נעמט זיך דער נאָמען פון בוך "שטראַלנדיקע יידן").

מיר זענען געווען פאַרהונגערטע,
צעטראָטענע, פאַרשלאַפטע יידן...

איצט זענען מיר שיינע, שטאָלצע
שטראַלנדיקע ייִדן.
מיר זענען טויטע ייִדן.

מיר זענען געווען קליינע, פאַרשעמטע טאַטעלעך...
פּלוצעם האָבן מיר געקראָגן
אַ מוראדיקע און מעכטיקע שטים...
ס'איז פון אונדז אַלעמען געוואָרן —
איין געטלעכער אַנאָנים.

"זיי זענען מיין הייליקע משפחה פחדנים", זאָגט דער דיכטער וועגן די יעניקע וואָס האָבן ניט געקעמפט קעגן שונא. "אפילו אין טויט זענען זיי געווען ווי שאָף — ווי אין לעבן".

זיין ליד "כ'טו דערמאָנען" איז אַ השתפכות הנפש, פול מיט בענקשאַפט און דערמאָנונגען פון זיין שטאָט לובלין.

אין דער פּאָעמע "נישט די מתים לויבן גאָט" הילט דער פּאָעט איין דעם טרויער אין אַ חומש מעשה. דאָ דערציילט ער אַז אַלע אבות און אַלע געשטאָרבענע ייִדן "האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתה" מיטצושטאַרבן מיט די קדושים. אפילו משה רבינו, וועלכער האָט נישט געוואָלט שטאַרבן, איז אויך מיטגעשטאָרבן מיט זיי.

די פּאָעמע איז געשריבן "מיט טעם, מיט ניגון, און מיט טראָפּ" (ווערטער וואָס דער דיכטער אַליין נוצט אין אַ ליד).

צום סוף פון בוך "שטראַלנדיקע ייִדן" פאַרלירט דער דיכטער דעם געדולד פאַר דער פערזן-פאָרם, און ער שרייבט אין לאַנגע, פּאָעטישע שורות. דאָ זיצט ער שבעה נאָך זיין שטאָט לובלין, און ער רעכנט אויס אַלץ וואָס איז אים געווען אַזוי הייליק און טייער — איר יום-טובדיקייט, אירע בתי מדרשים, אירע תּמימותדיקע ייִדן, אירע אָרעמע פּרנסות, אירע קינסטלער, און איר אויפוואַכנדיקע, קעמפערישע יוגנט.

און ווי דער נביא ירמיהו איז געזעסן אויף די חורבות פון ירושלים און געוויינט, אַזוי הערט מען דעם דיכטער וויינען איבער

דעם חורבן פון זיין געבוירן-שטאָט, וואָס איז געוואָרן "אַ מוראדיקע מצבה".

התלהבותדיק זענען די לידער ווו דער דיכטער באַזינגט דעם אויפבוי פון ישראל. עס איז אַ חומש לעגענדע וואָס איז מקוים געוואָרן; עס איז אַן אויסגעוויינטע פרייד — "אַ זעונג — אַ וואונדערלעכע צעשטראַלונג".

אָבער אין מיטן דער שמחה דערמאָנט ער זיך אין זיין טויטן טאַטן און אין אַלע זיינע טייערע טויטע לובלינער יידן, און ער טראַכט, - אפשר וועט אויך מיט זיי אַ נס געשען... און זיי וועלן אויפשטיין תחית המתים. ער גייט פאַרביי דער שול, און הערט זייערע מונטערע קולות, זייער פרייד. נאָר מיט אַ מאָל פאַרשווינדן זיי. "נישט קיין טרוקענע ביינער, נאָר קנוילנדיקע רויכן נעמען זיך הילן אין וואָלקן-טליתים".

פון די אומגעוויינלעכסטע טעג איז דער טאָג פון באַפרייונג פון לאַנד. און אומגעוויינלעך זענען די שורות.

דער היינטיקער טאָג
איז געוואַקסן אויף אַן אַלטן בוים
און ארונטערגעפאַלן אַן אויסגעצייטיקטער
אין שויס פון אַ טרויעריק פאָלק.
ס'איז היינט נישט קיין טאָג פון רגעס
נאָר פון לעבן.
צעטייל אים נישט אין חלקים.
דערשמעק אים אין פאַרטאָג-בלוי ווי אַ גאַנצער עפל.

אין דעם זינגענדיקן ליד "פונוואנען איז א ייד?" הערט מען דעם דיכטער אויסטאַנצן זיין ליבשאַפט צום לאַנד.

גלאַטשטיינס הימנעס צום פאָלק און שפראַך (וואָס ער האָט, אגב, באַרייכערט) דערמאָנען אין דעם דיכטער י. י. סיגאַל. אַז ער האָט געפילט צו אים אַ נאָענטשאַפט, קען מען זען פון זיינע עסייען, און אויך פון די לידער וואָס ער האָט אים געווידמעט.

פול מיט חסידישן ברען זענען דעם בראַצלאַווערס ניגונים. זיי זענען געשריבן אין מאָנאָלאָג-פאָרם, און זיי זענען פול מיט

אינהאַלט און חכמה. דער בראַצלאַווער באַשיינט דאָס פאָלק. און וויל זיין אַ משתתּף צו זיינע ליידן. ער איז דער גרויסער לערער וועלכער לערנט דעם ייִדן צו טאָן מצוות, נישט לשם עולם הבא, נאָר טאַקע לשם מצוה.

אינטערעסאַנט איז דער אופן ווי דער געדאַנק וועגן עניוות ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט. צו זיין אַ ייִד צווישן פעלקער, זאָגט דער רבי, איז אַ מדרגה צו וועלכער מען דאַרף ערשט אויסוואַקסן און אַריינוואַקסן אין פאָלק. און עס האָט ניט קיין זין צו זאָגן אַז מען "גלייבט" אין גאָט וועלכער האָט אַליין באַשאַפן דאָס "שטויבעלע וועלט". "אַז, ס'איז לחלוטין נישט שייך גלייבן. ביסט דאָך דורכגענומען מיט זיין ליכטיקייט", זאָגט ווייטער דער רבי. גיכער פאַסט עס פאַר דעם גוי צו גלייבן אַז מע דערציילט אים מעשיות נישט געשטויגענע וועגן גאָט-פאָטער-זון, אָבער ניין, נישט פאַר דעם ייִדן.

אויף אַן אנדער אָרט ציט דער דיכטער ווייטער דעם געדאַנק ווען ער זאָגט אַז אָן ייִדן קען נישט געמאָלט זיין קיין ייִדשער גאָט. — "גייען מיר חלילה אַוועק פון דער וועלט, פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרעם געצעלט".

די רייד פונעם בראַצלאַווער זענען אין דער אמתן דעם דיכטערס אייגענע רייד. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פונעם בראַצלאַווער ווייל דאָס ייִדישע לשון איז געווען חשוב ביים בראַצלאַווער און אויך ווייל ער איז געווען אַ קינסטלערישער דערציילער.

יעקב גלאַטשטיין איז איינער פון אונדזערע באַדייטנדיקע שרייבער וועלכער איז געווען באַגאַבט כמעט אויף אַלע זשאַנערן אין דער ליטעראַטור. און אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן פילט מען דעם האַרציקן, באַוווסטזיניקן, אומקאָמפּראָמיסלעכן ייִד. אין דער דיכטונג איז ער אונדזער גרויסער מקונן וואָס האָט

ארויסגעבראַכט מיט דערהויבנקייט און קדושה דעם טיפן ווייאון טראַגיק פון אונדזער גרויסן חורבן.

☆ ☆ ☆

יעקב גלאַטשטיין

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

די אָנגעזעענע דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז געווען זייער פּראָדוקטיוו. זי האָט געשאַפֿן אין אַלע זשאַנערן, אויך קינדער-ליטעראַטור. במשך פון די צוויי יאָר (1950-1952), וואָס זי האָט געוויילט אין ישראל, האָט זי רעדאַקטירט אַ צייטשריפט פאַר דער פרויען "נעמת" אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט זי אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט אין ניו יאָרק דעם חשובן זשורנאַל "סביבה" אין די יאָרן פון 1960 ביז 1974.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט געשטאַמט פון דור דורות פון אַ משפחה גמרא מלמדים. קינדווייז איז זי געזעסן ביים טאַטן, דעם גמרא מלמד אין חדר, און צוזאַמען מיט זיינע תלמידים געלערנט חומש און גמרא. דאָס לערנען אין חדר האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף איר לעבן און שאַפן. זי איז געווען איבערצייגט אַז דער חדר האָט איינגעפלאַנצט אין די תלמידים אַ צובונד צום פאָלק און צום הייליקן לאַנד. לערנענדיק דעם חומש, האָט דער תלמיד געוואַנדערט איבערן לאַנד, און עס איז אים געוואָרן אייגן און נאָענט. קאַדיע איז געווען אויסנאַמיק צווישן די דיכטערינס מיט איר למדנות, מיט איר רעדאַקציאָנעלער אַרבעט, און אויך מיט איר שפּעדיק שאַפן.

בהסכם מיטן טאַטנס עצה, האָט זי שפּעטער געענדיקט אַ לערער-סעמינאַר און געוואָרן אַ יידישע לערערין אין אַ צישאָ שול אין וואַרשע, אין די צוואַנציקער יאָרן. אַרום יענער צייט האָט זי אַרויסגעגעבן איר בוך "דזשיקע גאַס". עס איז פול מיט צער און אומרו. עס דאַכט זיך אַז מען הערט אַ שטיל געוויין אין די לידער. אַרום איר האָט געהערשט אַ שרעקלעכע נויט און אַרבעטסלאָזיקייט. עס האָט איר וויי געטאָן צו זען ווי שטאַרק די קינדער האָבן געליטן דערפון. אָנשטאָט זיך צו שפּילן, האָבן זיי געמוזט שטיין און גאַס און האַנדלען מיט פאַרשידענע זאַכן.

אין 1935 איז קאַדיע אָנגעקומען קיין אַמעריקע. איר איז געווען שווער זיך צוצוגעוווינען צו דער פאַרשטויבטער שטאָט. עס האָט איר געצויגן צום פרימיטיוון דאָרף, ווי זי זאָגט עס דאָ:

פון פייגל אייזערנע און זייער רווישיק געשאַל
איך הער נאָך אַלץ דאָס ליד פון זומערדיקן
נאַכטיגאַל.

זי איז אויך געווען אַנטוישט אין דעם קולטורלאָזן לעבן פון די אַמעריקאַנער ייִדן וועמענס איינציקע אַמביציע איז געווען צו פירן אַ פאַרמעגלעכן און באַקוועמען לעבן. זי שילדערט זיי אין אַן איראָנישן טאָן.

אָבער אַז זי האָט זיך געטראָפן מיט אַן "אייגענעם ייִדישן" ייִד, האָט עס איר דערוואַרעמט.

אַ קלאַפּ אין טיר און שטילע טריט.
עס איז אַריין אַן אייגענער, אַ ייִד.
זיין שמייכל בלייך פון אויסגעלייטערטן געמיט.
אָט אַזוי, אַזוי ווי עס שמייכלט אַ ייִד.

אַ טייל פון איר דיכטונג איז מאַט און אומעטיק. עס זענען ביי דער דיכטערין נישטאָ קיין פערזענלעכע, לירישע לידער. אַ קאָנטראַסט צו אירע עצבותדיקע לידער זענען אירע פריידיקע שפּילעוודיקע קינדערלידער וועלכע זענען פול מיט כּישוף און באַטעמטע גראַמען. זייענדיק אַ לערערין, האָט זי אַזוי גוט געקענט די פּסיכיק פון קינד. אין די לידער רעדט זי זיין קינדעריש לשון. זי אַליין ווערט אַ קינד, און זי שטיפט אַרום מיט אים. עס דאַכט זיך אַז זי זוכט אים אָנצופילן מיט וואָס מער פרייד, און אָפּצאָלן דעם חוב וואָס אים קומט אַלס קינד. באַחנט זענען דער דיכטערינס קינדער-מעשיות. זיי פילן נישט אָן מיט שרעק אָדער צער, ווי די קינדער-מעשיות פון געוויסע שרייבער. זיי זענען פול מיט מילדקייט און גוטסקייט.

אייגנאַרטיק זענען אירע חורבן-לידער. דאָ טענה'ט זי זיך אויס מיטן רבש"ע אויף אַ סאַטירישן אופן, און בעט אים אַז ער זאָל זיך אויסקלייבן אַן אַנדער פאָלק, און אים אויך איבערגעבן די שכינה פון גאונות, און זאָל שוין נעמען אַ סוף צו די קרבנות.

אל חנון, קלייב אויס אַן אַנדער פאָלק.
מיר האָבן ניט קיין תּפילות מער.
... מיר האָבן נישט קיין בלוט מער
אויף צו זיין אַ קרבן.

אַן אַנדערש מאָל פאָדערט זי פונעם רבש"ע אַז ער זאָל באַשאַפן אַ צווייטן בראשית.

באַשאַף אונדז אַ צווייטן בראשית
מעג קיין זון דאָרט ניט שיינען —
דאָס ליכט האָט אונדז סיי ווי פאַרראַטן.
מעג קיין ים דאָרט ניט רוישן קיין גרינער
ער האָט געזונקען די שיפן —
די שפענדלעך
מיט אונדזערע לעצטע אַנטרינער.

אָט די שורות וועגן די געזונקענע שיפן פון די פּליטים דערמאָנען נישט נאָר אין די פּליטים וועלכע האָבן זיך געזוכט צו ראַטעווען פון די נאַציס און ס'איז זיי נישט געלונגען, נאָר אויך אין אַ ליד וואָס די דיכטערין האָט אָנגעשריבן אין 1936 וועגן אַ שיף "טשעקאַ". זי איז געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערן, דעפּאָרטירטע פון אַרגענטינע. די שיף האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער די ימען, און קיין שום האַפן האָט זי נישט געוואָלט אַריינלאָזן.

צייטנווייז, ווען זי איז אין אַ שווערע שטימונג, זאָגט זי אַז דאָס שרייבט זי נאָר ווידוים. אַן אַנדערש מאָל רעדט זי פון "אַ ווייסער שפּראַך פון ווערטער נישט געפורעמטע".

אָבער עס קומט אויך אָן אַ ליכטיקער מאָמענט ווען זי צעזינגט זיך. דאַן זאָגט זי אַז זי איז פאַרקויפט צו זינגעריי, און זי זינגט אַ ליד "לולאַי".

נאָר דאָס אינטערעסאַנטסטע איז ווען זי זאָגט אַז זי אַליין איז פאַרכּישופט פון איר "וווּנדער-וואָרט".

מיין האַרץ איז פול
מיט וווּנדער-וואָרט.

מיין בלוט איז קראַנק
פון וווּנדער-וואָרט.
פון וווּנדער-וואָרט

התלהבותדיק זענען די ירושלים-לידער. אגב, אַ באַזונדערע אויסגאַבע וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן פון די לידער איז געהייליקט דעם אָנדענק פון איר טאַטן, (פון וועמען זי האָט שטאַרק געהאַלטן). ערגעץ זאָגט זי אין אַ תּפילהדיק ליד —
כ׳וויל דאַנקען גאָט
וואָס כ׳האָב געזען ירושלים
און צוגעלייגט מיין האַרץ
צו שטיינער אירע.

קאַדיע האָט געהאַלטן אַז די אגדות זענען "פונקען" וואָס גייען איבער פון דור צו דור. אין אירע שאַפונגען נוצט זי אָפט דעם אגדה-מאָטיוו. עס פינקלט אַרויס פון איר דיכטונג מיט אַ באַזונדער ליכט.

אין איר בוך "ליכט פון דאָרנבוים" (1965) געפינען זיך אירע רייפסטע לידער. ווי אַ פּריזמע זענען זיי קאָלירפול און אויך תּוכיק.

שרייבנדיק וועגן יוסף דעם בעל חלומות, וועמען די ברידער האָבן באַעוולט, קומט זי צום אוניווערסאַלן געדאַנק אַז די וועלט האָט בכלל פיינט דעם בעל חלומות. עס איז קענטיק אַז דערביי האָט זי אויך זיך אַליין אין זינען.

צייטנווייז באַקלאָגט זי זיך אַז מען באַציט זיך מיט גלייכגילט צו איר דיכטונג, אַז זי שרייבט "פאַרן ווינט".

גאַנץ אָפט פיגורירט דער לעגענדאַרישער נביא אליהו אין איר ליד. צו אים האָט זי געפילט אַ נאָענטשאַפט איר גאַנץ לעבן.

אויפפאַליק איז די לעגענדע וועגן שמעון בר יוחאי, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ הייל פון די רוימער. די דיכטערין פרעגט אים פון וואַנעט ער באַקומט דאָס ליכט, און ער ענטפערט איר אַז דאָס ליכט באַקומט ער פון די אותיות. עס שלאָגן אַרויס פון זיי פלאַמען.

אַ באַזונדער חן רוט אויף דעם אומגעוויינטלעכן ליד וועגן די פליער, וואָס איז אויך פּאַרוועבט אין אַ לעגענדע. די דיכטערין זאָרגט זיך וואָס עס וועט זיין אויב די פליער וועלן צוריקקומען און זאָגען אַז קיין הימל איז נישטאָ, און זי באַשליסט אַז זי וועט זיי נישט גלייבן.

און וואָס וועט זיין —

און וואָס וועט זיין
אז צוריק וועלן קומען די פליער
און זאָגן אַז עס איז קיין הימל נישטאָ?
איז וווּ וועל איך ווענדן די בליקן
אויב נישט העכער, נישט אויבן?
... און ווער וועט מיר העלפן צו שרייבן די לידער?
אויב ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט דאָרט אויבן?

נאָר איך וועל די פליער נישט גלייבן.
איך וועל זיי נישט גלייבן...

און וואָס וועט זיין —
אַז צוריק וועלן קומען די פליער
און אָפּלייקענען דעם גן-עדן?
די היים פון די צדיקים?
איז ווי וועט מיר גליקן
אַריבער פּאַפּירענע בריקן
אויב נישט מיט צדיקים?
אויב כ׳וועל זיך ביי זייערע פּאָלעס נישט האַלטן,
ווי וועל איך אַריבערגיין גריבער און שפּאַלטן?
ווער וועט מיר מיין אָרעמען נפש דערהאַלטן?

נאָר איך וועל די פליער נישט הערן,
איך וועל זיי נישט הערן.

ווייל איך האָב צדיקים נישט איין מאָל געזען,
נישט איין מאָל, אַ סך מאָל.
זיי זענען געגאַנגען אין יאָך און אין קלעם,
געטראָגן די וועלט אויפן רוקן.

... עס קענען צום הימל דערגרייכן
די וואָס וועבן די הימלישע בלויען,
און האָבן אויף נסים געשפּאַנט ווי אויף טרעפּ.

דאָ באַזונדערס פילט מען ווי שטאַרק עס איז געווען איינגעפלאַנצט אין דער דיכטערין די קרובישאַפט צום ייִדישן פאָלקלאָר.

מיט שטראַלנדיקער פרייד איז דורכגענומען דאָס ליד "דאָס געזאַנג פון שבת".. פרייטיק-צו-נאַכט ווען די מלכּה שבת איז געקומען צו איר מיט איר אויפגעלויכטן פּנים איז די גאַנצע וועלט געוואָרן שבת. —

דער זילבער פון טייך —
איז דער זילבער פון שבת.
דאָס געזאַנג פון דעם ווינט —
איז דאָס זינגען פון שבת.
און דאָס געזאַנג פון מיין האַרץ
איז דער אייביקער שבת.

אין איינעם פון אירע עסייען דריקט די דיכטערין אויס די הנחה אז דער אלף-בית איז די פעסטונג פון ייִדישן פאָלק. פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס דיכטונג שיינט אַרויס דער גייסט פון ספר און פון אַלץ וואָס איז הייליק אין ייִדישן לעבן, מיט אַ ליכט וואָס פאַרבלענדט.

☆ ☆ ☆

רקודה פּאָטאַש

די דיכטונג פון רקודה פּאָטאַש איז דורכגענומען מיט ליבשאַפט צום פאָלק ישראל און מדינת ישראל. עס איז תּוכיק און פילפאַרביק. עס אַנטפּלעקט פאַר אונדז איר אומרויִק, עמאָציאָנעל לעבן. עלאַסטיש איז איר ריטעם. איר פרום, ליריש ליד שפּיגלט אָפּ איר נאָענטשאַפט צו אַלץ וואָס איז ווערטיק אין ייִדישן לעבן. אָריגינעל זענען אירע אימאַזשן.

רקודה פּאָטאַש איז געבוירן געוואָרן אין 1903 אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן. אין 1924 איז זי אַוועק קיין לאָדזש, און דאָרט געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יונגער לאָדזשער גרופּע דיכטער. אין 1934 האָט זי עולה געווען קיין ישראל. דאָרט האָט זי געאַרבעט אַלץ ביבליאָטעקאַרין פון דער קונסט-אָפּטייל ביים ייִדישן קונסט-מוזיי אין ירושלים.

צו זעכצן יאָר האָט זי אָנגעהויבן שרייבן לידער אין פּויליש. באַווירקט פונעם לעמבערגער פּאָגראָם, איז זי איבערגעגאַנגען צו ייִדיש. זי האָט זיך אויך פאַרנומען מיט אַנדערע זשאַנערן, ווי קינדער מעשיות, דערציילונגען, און ליטעראַרישע עסייען. ביים לעבן האָט די דיכטערין אַרויסגעגעבן דריי ביכער. דאָס פערטע בוך "לידער", אַ גרעסערע זאַמלונג, איז אַרויס אין 1967, צוויי יאָר נאָך איר טויט.

מער פון אַלץ שיינען אַרויס אירע ישראל-מאָטיוון. זי שטרייכט אונטער אַז ס'איז א י ר ישראל. מיט איידעלע טענער באַזינגט זי דעם ישראל פּייסאַזש. דער כּנרת איז אַ וואַסער-פידל, און דער באַרג יהודה האָט אַן אָפּן האַרץ. אין די נעכט ווען ירושלים שלאָפט, נעמט ער אויף אַלע וויי-געשרייען.

ווען זי איז צו גאַסט אין אַמעריקע, פילט זי אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט. זי זעט די שטאָט אַ פאַרשטעלטע מיט וואָלקן-קראַצערס. דאָ, צווישן די טורעמס, באַהאַלטן זיך די שטערן אינעם שיין פון די לאָמפּן. אַזוי גרויס איז דער טומל, אַז קיינער הערט ניט קיין לידער. זיי ווערן דערטרונקען אין די טייכן. אין דמיון זעט זי נאָר א י ר ישראל, צו וועלכער קיין שום אַנדער

לאַנד קען זיך נישט פאַרגלייכן. די טיפע ליבשאַפט וואָס זי דריקט אויס צו ישראל דערמאָנט אין יהודה הלויס ציון-לידער.

"נעם אַרונטער מיך אונטער דיינע פליגל, ירושלים", בעט זיך די דיכטערין. און ווירקלעך, אַ גאַנץ באַזונדער אָרט אין איר דיכטונג פאַרנעמט ירושלים. אַ גרויסער מאָמענט אין איר לעבן איז געווען איר אָנקום אין דער הייליקער שטאָט, ווו זי האָט געפילט אַז זי וועט באַפרייט ווערן פון אַלע אירע ווייען וואָס זי האָט געליטן אין איר גלותדיק לעבן. פאַטעטיש זענען די שורות —

כ'בין אָנגעקומען צו דיר, ירושלים,
ווי אַ קעמל אָנגעלאָדן מיט זיין פיין.

לאָמיך פון העכסטן באַרג צעשמעטערן מיין טרויער,
אויסלעשן אין מיר די שרעק —
פאַרוואַרפן מיינע הענט, אַרומהאַלדזן דיין מויער,
און האָרכן ווי עס גייען די טרויער-טעג אַוועק.

אַן אַנדערש מאָל שאַלט זי אויס:
דו העכסטע שטאָט פון אַלע שטעט,
כ'טראָג אַ לויב און אַ געבעט
... הללויה! זייַ געלויבט!

ווען ס'איז אַרויס איר צווייט בוך "פון קדרון טאָל", האָט שלום אַש, אַ באַגייסטערטער, איר געקרוינט מיטן נאָמען "די ירושלימער דיכטערין".

אין איר ציקל "פונעם טאַטנס חומשל" ווערן געוויסע לעגענדעס פאַרוואַנדלט אין וווּנדערלעכע קינדערישע פאַנטאַזיעס. אַ זאַלציקע סקולפּטור פון לוטס ווייב שטייט צווישן דעם ים המלח און סדום. כישוף געשעט דאָ אין די אָוונטן. —

אין די אָוונטן טוט לבנה זיך אָן
אַ רונדן שיין
אויפן קאָפּ.
קוקט זי צו לוטס ווייב
און בוקט זיך אַראָפּ —
און גיט איר אַ זילבערן אויערינגל
אין אויער —
און לוטס ווייב שמייכלט
און לבנה פאַרשווינדט
אין טויער — —

דאָס ליד "הגר גייט צו ישמעאלן" צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדערן באַנעם און איינפאַל. אויפפאַליק איז דער פאַקט וואָס שרה איז דאָ ניט אין כעס אויף הגרן. פאַרקערט, זי איז די וואָס לייגט פאָר פאַר הגרן אַז זיי זאָלןביידע צוזאַמען גיין צו גאַסט צו ישמעאלן. דאָ מערקט זיך דער איינפלוס פון מאַנגערן וועלכער האָט פאַרהיימישט די ביבלישע געשטאַלטן.

בילדעריש איז דאָס פאַרכאַפּנדיק ליד וועגן דער מאַמע רחל וואָס איילט זיך אין אַ ניסן-נאַכט אין מאה שערים. די לבנה שפּרייט אויס פאַר איר אַ ווייסן טעפּעך, און דער שטערן-וואָגן ווייזט איר אַלע נייע קברים. זי קומט צו חלום צו אַ מאַמען, און זאָגט איר אָן אַ גוטע בשורה וועגן איר זון.

די דיכטערין באַוויינט די יונגע סאַברעס וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף:. אין אַ לענגער ליד שילדערט זי די ביטערע שלאַכט וואָס איז פאָרגעקומען אויפן וועג קיין ירושלים. מיט מיטגעפיל שילדערט זי דעם צער פון די מאַמעס. איינע היט אָפּ אַ שוך, און די צווייטע לאַטעט אַ העמד פונעם אומגעקומענעם זון.

אין אירע אבל-לידער זיצט זי שיבעה נאָך די פאַרטיליקטע ייִדן מיט די געשענדעטע ספר-תּורות. די שאָטנס פון די אומגעקומענע משפחה-מיטגלידער גייען איר נאָך, זאָגט זי, און פאַראומערן איר לעבן.

רקודה פּאַטאַש דערמאָנט אָפּט איר פאַרשטאָרבענער מאַמען. יאָרן האָט זי געוואַרט אַז איר צוזאָג זאָל שוין מקוים ווערן. די מאַמע האָט איר אַ מאָל צוגעזאָגט אַז משיח וועט קומען, און אַז זי וועט אויסוואַקסן אין אַ נייער וועלט.

צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג ווידמעט זי איר פרומען טאַטן אַ ליד פאַר אַ מתּנה. זי דערמוטיקט און באַשיינט אים. נאָר זי האָט פאַרדרוס וואָס ער איז נישט פאַראינטערעסירט אין איר ליד. זי איז נייגעריק אַז ער זאָל איר פאַרשטיין, און זי טענה'ט זיך אויס מיט אים. זי בעט אים אַז ער זאָל מיטנעמען אין שול איינעם פון אירע לידער מיטן תּהילים, און עס לייטערן ביים נר-תּמיד.

זי געדענקט אַזוי גוט די באָבע אסתּר, וואָס האָט געדאַוונט צוויי מאָל אַ טאָג, און מיט אַ סך געדולד זי אויסגעלערנט קריאת-שמע לייענען אויף אויסנווייניק. די באָבע האָט זיך געפרייט וואָס זי ציט אויף אַ פרום קינד. די דיכטערין בעט איצט מחילה ביי איר איבער דעם וואָס זי היט ניט מער אָפּ די מנהגים, און זי טרייסט איר אַז זי איז פרום אויף איר אייגענעם שטייגער. זי דערמאָנט זיך אין דער באָבעס צאַרטע, פאַרקלערטע רייד וועגן ביימער און פלאַנצן, וואָס זי האָט אַמאָל גערעדט בשעת זיי זענען געגאַנגען דורך אַ וואַלד.

איינגעבאַקן אין איר האַרצן זענען די דערמאָנונגען וועגן דער באָבע אסתּר. יעדן אָוונט בעט זי דעם ״חלום-מאַכער פון לידער״ אַז ער זאָל איר ברענגען דאָס ליכטיקע פּנים פון דער ״הייליקער בלוי-אויגיקער באָבע אסתּר״.

דער אָנקום פון פרילינג איז אַ גרויס געשעעניש אין איר פּאָעטיש לעבן. זי פילט אַז ניט נאָר בליט זי אויף מיט דער נאַטור, נאָר זי אַליין איז אויך אַ טייל פון איר. זי איז דאַנקבאַר פאַר דעם גרויסן וווּנדער, און מיט די ווערטער פון תּהילים בענטשט זי דעם פרילינג. זי פילט זיך היימיש מיט ביימער און בלומען. נישט נאָר דאָס. זי וויל פילן אַז זי איז אַ טייל פון דער נאַטור.

אַזוי מיטבליִען
ווי די אַקאַציעס,
ווי די מימאָזעס
ווי די טובעראָזעס.

... ווערן אַ וואַסערפאַל,
אַ יונגער בלויער קוואַל,
שווימען אין טאָג אַריין
אין אַ גאָנדאָל פון לבנה-שיין.
וואַקסן ווי אַ מאָן-קאָפּ
ערגעץ אין אַ הויף,
הערן ווי גראָז פליסטערט,
ווי עס זשומעט אַ בין ...

אימפּולסיוו איז דאָ דער ריטעם. די דיכטערין איז געוויינלעך ניט איבערקלייבעריש מיטן גראַם. צו שטאַרק איז איר אימפּעט, באַזונדערס אין אירע פרילינג-געזאַנגען.

אויך דער האַרבסט דערוועקט אין איר פּיעטעט. אין איר הימען דאַנקט זי פאַר אַלע פריידן וואָס זי האָט „איינגעזאַמלט" פונעם לאַנגן זומער, און זי בעט אַז קיינער זאָל ניט צעטרעטן די אַראָפּגעפאַלענע, קאָלירפולע בלעטער. זי פאַרגלייכט זיי צו טייערע שטיינדלעך.

„אַז פייגל זענען פאַרליבט, פאָרט אין אַ זילבערנע קאָטש די לבנה צו זיי אין נעסט", חלומט די דיכטערין. דאָס געפיל פון ליבשאַפט רופט אַרויס אין איר התרוממות. עס איז אַ געשאַנק פון גאָט, טראַכט זי, וואָס באַרייכערט איר לעבן, און זי בעט אַז עס וועט איר קיין מאָל ניט פאַרלאָזן. דין און סענסיטיוו זענען אירע ליבע לידער.

פאַרטראַכט און אויסגערייפט זענען אירע לידער וואָס קומען ביים ענדע פון איר לעצטן בוך „לידער". זי רעדט אָפט וועגן דער „אייביקייט" און עס איז קענטיק אַז זי האָט געאַנט אַז דער סוף איז נאָענט. איר טאָג, זאָגט זי איז פון גלאָז, און זי גייט אום מיט אים פאַמעלעך.

רקודה פּאָטאַש האַלט אַז דער עכטער דיכטער דאַוונט זיין ליד. אויך זי דאַוונט איר ליד. מיט אַ פרומען ציטער איז באַהויכט איר דיכטונג.

גאָט איז מיט אונדז
אויף די נעגל
מיט די שפיצן-פינגער
זאָלן מיר גיין,
ווייל גאָט איז מיט אונדז.

אונטער שטילקייטן
זאָלן מיר זיך צודעקן,
ווייל גאָט איז מיט אונדז.

אונטער האַלב-געבוירענע מאָרגנס
זאָלן מיר אַרויסגיין מיטן שאָרך פון פאַרטאָגן
תהילים זאָגן
מיט אַלע ציפּרעסן-ביימער
ווייל גאָט איז מיט אונדז...

☆ ☆ ☆

איידע מאַזע ע״ה

מיט דעם אַראָמאַט פון וואַלד און פעלד איז אָנגעהויכט די דיכטונג פון איידע מאַזע. קומענדיק פון אַ דאָרף אין ווייס-רוסלאַנד, האָט זי געפילט אַ נאָענטשאַפט צו דער נאַטור. דאָס שפיגלט זיך אָפּ אין איר ליד, און גיט צו צו דעם אַ באַזונדערן קאָלאָריט.

איידע מאַזע איז אויך געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין. אַחוץ וואָס זי איז געווען פאַרנומען מיט קולטורעלער טעטיקייט, איז זי תמיד געווען גרייט צו העלפן אַנדערע. איר טיר איז געווען אָפן פאַר אַלע נויט-באַדערפטיקע און פאַר יעדן שרייבער צו קומען און לייענען זיינע שאַפונגען. דער פּאָעט מ.מ.

שאַפּיר שרייבט אין זיין קורצער הקדמה צו איר אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן "דינה", (וואָס ער האָט, אגב, אַזוי חבריש און געטריי צוגעגרייט צום דרוק), אַז דערפאַר וואָס זי איז געווען אַזוי פאַרטאָן צוליב אַנדערע איז איר ניט געבליבן קיין צייט פאַר זיך אַליין.

אַזוי ווי ביי בערטע קלינג אין ניו-יאָרק, איז אויך ביי איידע מאַזען געווען אַ ליטעראַרישער סאַלאָן. די אַטמאָספער איז דאָרט געווען אַ יום-טובדיקע. זי האָט געלעבט באַשיידן און ניט געהאַט קיין אינטערעס אין מאַטעריעלע ווערטן.

די דיכטערין פלעגט פאַרברענגען אירע זומערן אין די לאָרענשן בערג. דאָרט האָט זי געפונען רו און באַרויִקונג. די הייכן און טאָלן, און באַזונדערס די פראַכט פון די בלייִקע פאַרבן פון די האַרבסטיקעביימער, האָבן אָנגעפילט מיט דערהויבנקייט איר פּאָעטיש געמיט.

אין מיר רוט אַזאַ גוטסקייט און ליבשאַפט צו
אַלעם —
איך צי צו זיך גאָלד פון דער האַרבסטיקער זון.

... עס פאַלן פון ביימער עפּל און באַרן
אין שיכּרות פון פאַרבן פאַרגייט זיך דער קליאָן.

אָבער אַנדערש האָט געווירקט אויף איר געמיט דאָס פאַלן פון די בלעטער. עס האָט איר דערמאָנט אין איר אייגענעם טרויער.

מיין אייגן געוויין איז דער האַרבסטיקער ווינט.
און איך בין טרויעריקער פון אַלע האַרבסטן.

ווען איידע מאַזע איז נאָך גאַנץ יונג געווען, איז איר עלטסטער זון, איר בן ציון, אַ יינגעלע פון אַ יאָר ניין, פּלוצעם קראַנק געוואָרן און אַוועק פון דער וועלט. אין איר ביכל מיט די שוואַרצע טאָוולען "אַ מאַמע", באַוויינט זי איר פאַרלוירן קינד. דאָ רעדט דער טרויער אַליין. דאָ געפינען זיך אירע אינטימסטע, אירע צאַרטסטע לידער.

עס פאַרגעסט נישט דאָס גראָז

ווי זאָל איך פאַרגעסן,
אַז עס פאַרגעסט נישט דאָס גראָז
און קומט צוריק יעדעס יאָר.

און שפּרייט זיך אויס איבער דיר,
אַזוי נאָענט, געטריי.
אַזוי מאַמעדיק ווייך.

קומט צוריק יעדעס יאָר
און גרינט איבער דיר
און וויינט איבער דיר.

מיט אַ תּפילה פאַר די קראַנקע און מידע הייבט די דיכטערין אָן איר ציקל טרויער־לידער. צו זיי רעדט זי אָפּט. זי זוכט זיי צו טרייסטן און צו בענטשן, און זי טראַכט אַז דערפאַר וואָס זי אַליין איז פול מיט ווײ, קען זי אַזוי אויפריכטיק מיטפילן מיט זיי.

נידערט, נידערט, מיינע לידער.
אין דער נידער, אין דער נידער.
צו די שטילע, צו די שטומע.
זייט ווי תּפילות — שטילע, פרומע.
... ווו אַ קראַנקער, ווו אַ מידער,
נידערט, נידערט, מיינע לידער.

מיט פאַרביטערטקייט רעדט זי וועגן דער נויט. זי שרייבט אין אַזאַ סטיל, אַז עס דאַכט זיך אויס אַז זי רעדט זיך דורך מיטן לייענער. זי דערציילט וועגן דעם לעבן פון אירע אָרעמע שכנים, וואָס איז פול מיט שוועריקייטן און סכנות. און זי צאָרנט קעגן דער גלייכגילטיקער וועלט וואָס ווייס נאָר פון האַס און פון קריג.

אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן שילדערט זי דעם יונגען סאָלדאַט. זי פאַרגלייכט אים צו אַ בוים וואָס מען האָט פלוצעם אויסגעריסן פון פעלד. מען האָט אים געגעבן אַ שונא, און אים געמאַכט פאַר אַ העלד. קעגן די וואָס פירן מלחמה שרייט זי מיט פּאַטאָס אויס:

ווער האָט דיך פאַרשאָלטן, מענטש,
מיט אַזאַ בלינדקייט אויף אייגענער שאַנד?

דאָך, מיט איר גאַנצן טרויער און עול וואָס זי האָט געטראָגן אויף אירע קליינע פּלייצעס, האָט איידע ניט פאַרלוירן איר שפּילעוודיקייט. דער גרעסטער טייל פון אירע לידער באַשטייט אין דער אמתן פון קינדערלידער און מאַמע-לידער, פון וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן גאַנצע דריי ביכער, אין דער צייט וואָס פון אירע אַנדערע לידער, פאַר דערוואַקסענע, האָט זי אַרויסגעגעבן נאָר איין בוך, "נייע לידער" (1941), און אויך דאָ געפינען זיך אַ צאָל מאַמע און קינדערלידער.

אין 1954 האָט די דיכטערין אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע זאַמלונג פון קינדערלידער מיטן נאָמען "וואַקסן מיינע קינדערלעך". עס איז אַ פיינע אויסגאַבע פון אַ גרעסערן פאָרמאַט, און עס איז פאַרזען מיט אילוסטראַציעס פון דריי אַרטיסטן: ב. מלחי, ה. דאַניעלס, און י. שיינבלום.

אין דער הקדמה דערציילט די דיכטערין אַז דאָס קינד איז געווען די סיבה פון איר שרייבן. אַז מען דערמאָנט זיך אַז איר ערשט ביכל "אַ מאַמע" איז באַשטאַנען דאָס רוב פון טרויער-לידער נאָך איר עלטסטן קינד, ווערט קלאָר ווי אַזוי זי האָט אָנגעהויבן שרייבן. ערגעץ זאָגט זי אַז דורך לידער האָט זי איר קינד צוריקגעפונען, און אַז אין איר יעדן ליד האָט זי זיין נאָמען פאַרשריבן ווי אַ טרער.

זי איז געווען גוט באַקאַנט מיט די שרייבערס פון דער אַמעריקאַנער-ענגלישער ליטעראַטור, און מיט הנאה געפילט זייער השפעה אויף זיך. דאָ, אין אירע קינדערלידער, ווייזט זיך אויס אַז מען זעט איר אַרומגערינגלט פון אַלע אירע קינדער וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק באַוווּנדערט, און איר פּנים לייכט פון פרייד.

איר ציט זיך צו באַקענען מיט דעם קינדס כּישוף-וועלט. זיך צו פאַרשפּילן מיט אים, און צוזאַמען מיט אים וועבן זיינע חלומות. איר אינטערעסירט זיין געדאַנקען-גאַנג, און זיינע פּיקאַנטע איינפאַלן. דערפאַר ווייל ער איז אַליין, קלאַפּט ער אָן

אין טיר, און זאָגט אָן אַז געסט זענען געקומען. דאַן נעמט ער זיך אַמוזירן די געסט און ווייזן קונצן.

באַחנט ביז גאָר איז דאָס ליד "דער שרייבער". דאָס ייִנגעלע וויל שרייבן אַ בריוו, אָבער מען לאָזט אים ניט. וואָס טוט ער? פאַרגנבעט ער זיך מיט טינט אונטערן טיש. דאָרט נעמט ער זיך שרייבן זיינע בריוו מיטן פינגער, ווייל אַזוי איז גרינגער, און ער קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מען איז אין כּעס אויף אים. ער זיצט דאָך אַזוי שטיל.

מיט תּמימות און ליבשאַפט זענען אָנגעפילט די לידער. אָבער ניט נאָר וועגן קליינע קינדער שרייבט זי, נאָר אויך וועגן גאָר קליינינקע, וואָס דאָס איז אַ זעלטנקייט. איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס דאָס בוך הייסט "וואַקסן מיינע קינדערלעך". ס'איז אויך דאָ אַ סעריע וויגלידער, און יעדעס באַזונדער דערציילט אַן אַנדערע מעשהלע. לויטער איז דער אימאַזש וואָס ווערט געמאָלן אינעם פאַסטעך-ליד. דאָ ווערט געגעבן נאָר אַ טייל דערפון.

וויגליד

פון באַרג קומט דעם פאַסטעכלס ניגון,
ער טרייבט איצט אַהיים זיינע שאָף.
און איך טו מיין ייִנגעלע וויגן
צו זיסע חלומות פון שלאָף.

און וואָס וועט מיין קינד זען אין חלום
אַז איך וועל אים וויגן שטיל?
ער וועט זען אַלע שעפעלעך ווייסע
אויף גרינינקען באַרג אַרום מיל.

ער וועט זען ווי עס וויגן די פליגל,
וויגן אויף נאַכט איין די מיל,
ווי איך טו זיין וויג אַלץ וויגן,
שטילער, שטילער און שטיל.

... איבערן באַרג די לבנה
שפרייט אירע נעצן קיל.
זי וועט פאַרוועבן אין זילבער
דעם באַרג מיט די פליגל פון מיל.

עס איז פאַראַן אין בוך אַ באַזונדערער אָפּטייל מיט יום-טוב לידער. צווישן זיי געפינען זיך אויך קרעפטיקע טרויער-לידער נאָכן חורבן.

אין אַ מעלאָדיש פיל-זאָגעוודיק ליד האָט די דיכטערין אַ שליחות איבערצוגעבן צו די קינדער פון ישראל.

מיין גאָלדן פייפל
איך קום אָן צו אייך פון די ווייטן,
מיט זאַק אויפן פלייצע און מיד;
אין זאַק ליגט מיין גאָלדן פייפל,
און מיין אומעטיק יידיש ליד.

איך וועל שפילן פאַר אייך אויף מיין פייפל
פון גלות און וואַנדער און מיד,
און וועל טאַנצן פאַר אייך צו דעם ניגון
פון מיין אַלט יידיש ליד.

ווער האָט ניט געשפילט אויף דעם פייפל?
ווו נאָר אַ קדוש, א ייד;
און איך וויל אַז איר זאָלט עס געדענקען,
מיין אומעטיק, יידיש ליד.

דאָס בוך איז געהייליקט דעם זכרון פון אירע עלטערן און זייער פרומען שטייגער לעבן. די לידער וועגן איר טאַטן זענען פול מיט בענקשאַפט. ער איז געווען אַ שטילער, קלוגער מענטש פול מיט בטחון. פון זיין שווערער מי אין פעלד האָט ער געצויגן חיונה.

די פרומקייט פון אירע עלטערן האָט געהאַט אויף איר אַ טיפע השפעה. ס'געדענקט זיך אַזוי גוט ווי איידע פלעגט זיצן יום כיפור אַ גאַנצן טאָג מיטן מחזור אין האַנט, נישט פאַרפעלנדיק קיין תפילה.

אינעם זעלבן בוך ווערט אויך געגעבן אַ בילד פון איידע מאַזעס מאַמען צו איר הונדערטסטען געבוירן-טאָג. ביי דער זייט איז דאָ אָ ווונדערלעך ליד "די פּישוף-בריק" ווו די דיכטערין דערציילט אַז ביים נייען און שטריקן פלעגט איר מאַמע פּישוף-בריקן פאַרפלעכטן, אויף וועלכע זי האָט געפירט אירע קינדער צו ווייטע לענדער.

אַן אַנדערש מאָל זאָגט זי אַז אויס בענקשאַפט נאָך אַ קינד, נעמט זי צערטלען און קעמען איר מאַמעס האָר. זי וויל איר רופן "קינד", נאָר זי שעמט זיך.

דורכגעדרונגען מיט אַ צאַרטן מאַמע-געפיל זענען איידע מאַזעס שורות. מען פילט דאָס ניט נאָר אין אירע קינדערלידער, נאָר אויך אין אירע אַנדערע לידער ווו זי ווענדט זיך צום פאַרלוירנסטן, און זי זאָגט אַז זי וועט "באַשפּינען מיט פרייד זיינע אויגן".

איידע מאַזע איז די מאַמע אין אונדזער דיכטונג.

☆ ☆ ☆

פעסי הערשפעלד-פּאָמעראַנץ

פשוט און אויפריכטיק איז פעסי הערשפעלדס ליד. וואָס מער מען לייענט זיך אַריין אין איר דיכטונג, אַלץ מער פילט מען אַ נאָענשאַפט צו איר.

איר ליד פאַרמאָגט רחבות, שווונג. זאַפטיק און אויסדריקלעך איז איר לשון. איר פערז איז עלאַסטיש, און פעסט איז איר טאָן. די דיכטערין רופט זיך אָפּ נישט נאָר אויף אַלגעמיינע געשעענישן אין לעבן. זי דערציילט אויך וועגן אירע אייגענע איבערלעבונגען. ברייט איז די גאַמע פון איר טעמאַטיק. איר דיכטונג איז ווי אַ גייסטיקער טאָגבוך.

פּעסי הערשפעלד האָט אַרויסגעגעבן פיר ביכער. יעדעס בוך איז אַן אויפשטייג אין איר שאַפונג. דאָס לעצטע בוך איז אַ ווערטיקער אָפּקליינב פון אַלע אירע לידער.

עס איז אַ שאָד וואָס עס זענען דאָ אַזוי ווייניק ביאָגראַפישע ידיעות וועגן דער דיכטערין. פון איר ליד געפינען מיר אויס אַז זי איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פרומער טראַדיציאָנעלער היים. סיי איר פאָטער און סיי איר זיידע זענען געווען האָרעפּאַשנע אַרבעטער וואָס האָבן שווער געהאָרעוועט אויף חיונה.

גרויס איז איר בענקשאַפט נאָך אירע עלטערן. צומאָל ווילט זיך איר אויסדאַכטן אַז זי זעט זיי ממש פאַר די אויגן.

אויפן גאַניק פון דער ווייט
איך זע באַוועגן זיך צווי לייט.
כ'קום נעענטער צום גאַניק צו,
נאָר ניין, אָ, ניין, ניט זיי, ניט זיי,
ניט טאַטע-מאַמע צוויי.

אינטערעסאַנט איז דער אופן ווי זי נעמט אויף דעם טויט פון אירע עלטערן. די בערגלעך ערד איבער זיי, זאָגט זי, זענען פול מיט ניי לעבן. אויף זיי וואַקסט אַ בוים מיט בלומען. זי טרייסט זיי אַז זי איז נאָר דאָ אויף אַ ווייל, אַז אין דער אמתן זענען זיי איינס, די עלטערן, זי, און די פלאַנצן.

אָבער איר פאַרדריסט וואָס דעם מענטשנס לעבן איז אַזוי קורץ. זי איז מקנא דעם בוים וואָס באַנייט זיך יעדן פרילינג. נאָר דער מענטש האָט בלויז איין פרילינג. מיט אומעט פילט איר אָן דער האַרבסט ווען פלאַנצן וועלקן. איר דאַכט זיך אויס אַז דאָס קלענסטע גרעזל וויינט. עס וויל ניט פאַרגיין. דער האַרבסט דערמאָנט איר אין איר אייגענעם דערוויילקן לעבן.

ווי אַ בלאַט אין לעצטן פלי
וועל איך אַ פלי טאָן און פאַרגיין.

דער געדאַנק אַז דער מענטש איז נאָר אַ שטויבעלע, אַ שטראַלכל ליכט אינעם וועלט-באַשאַף, ציט זיך ווי אַ רויטער

פאָדעם דורך איר גאַנצער דיכטונג. באַזונדערס פילט זי דאָס אין דער אָנוועזנדיקייט פון די גיגאַנטישע קאָלאָראַדאָ בערג —

אוראַלטע, מיסטישע שיינקייט,
פאַרוואַלדיקטע שפּיצן פון בערג —
כ׳דערפיל זיך אין אייער גיגאַנטישקייט
הילפלאָז, מילביק און שטום.

מיט פּאַטאָס זענען געשריבן אירע חורבן-לידער. זי באַוויינט די אומגעקומענע און די היימלאָזע וואָס וואַנדערן אום אויף וועגן און ימען. ווײַל, טראַכט זי, איז דעם וואַלד מיט זיין וואַלדיקער משפחה, ווו אַלע פייגל האָבן אַ היים, "אַיעדער קין-רוצח, זאָגט זי, בייטשט זיין רוט איבער אונדז".

די דיכטערן באַדויערט וואָס דער מענטש האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערנט צו לעבן בשלום. אין אַ תּפילהדיק ליד ווענדט זי זיך צום באַשעפער און בעט אים אַז ער זאָל ברענגען דעם שלום, און אַז ער זאָל נישט לאָזן דעם מענטשן דערפירן די וועלט צו תוהו-ובוהו.

אַ טרייסט איז פאַר איר דער אויפבוי פון ישראל וווהין עס האָבן געשטראָמט אַזוי פיל פאַרפּייניקטע יידן וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון אומקום. נאָך צוויי טויזנט יאָר, זאָגט זי, הערט מען ווידער דעם קלאַפּ פונעם האַמער און דאָס גערויש פון טראַקטאָר. די גאַנצע לופט קלינגט אויף מיט פרייד פון אויפבוי.

אַ שטילקייט און אַן איידלקייט ווייט פון פּעסי הערשפעלדס ליד. עס איז רייך אין אימאַזשן און דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום פאָלק און לשון. עס איז אויך פאַרטראַכט און אינהאַלטספול, און דאָס איז די עיקרדיקע כאַראַקטעריסטיק אין איר שאַפונג. מיט דעם האָט זי געלייגט איר חותם אויף אונדזער דיכטונג.

☆ ☆ ☆

חיים קרול

חיים קרול פאַרנעמט אַ באַזונדערן אָרט אין אונדזער דיכטונג. יעדער פּאָעט לעבט זיך אויס אין זיין דיכטונג. פאַר חיים קרול איז זיין ליד געווען דער מהות פון זיין לעבן. פאַר אים האָט נישט עקזיסטירט קיין אַנדערע וועלט. זיין דיכטונג איז ווי אַ טאָגבוך פון זיין לעבן. זיינע קורץ-שורהדיקע לידער זענען געשריבן אין ווייסן פערז. זיי זענען ריטמיש און רייך אין פייסאַזשן. לייענענדיק זיין שאַפונג ווערט מען דורכגענומען מיט זיין צאַרטקייט און דעם כישוף פון זיין פאַנטאַסטיק.

דער דיכטער פירט אונדז אַריין אין זיין אינטימען לעבן און אַנטפּלעקט פאַר אונדז זיין חלום-וועלט. דאָ זינגט ער אויס זיינע פאַרבענקטע געזאַנגען, און מיר ווערן געוווויר פון דעם טיפן צער און פיין וואָס האָבן פאַרצערט זיין יונג לעבן.

גאַנץ פרי, צו צוועלף יאָר האָט חיימל אָנגעהויבן צו שרייבן. אין 1919 איז דערשינען זיין ערשט בוך, און גלייך געצויגן צו זיך אינטערעס.

אין זיינע זכרונות דערציילט אונדז דער דיכטער וואָס פאַר אַ גרויס געשעעניש עס איז געווען זיין קומען אויף דער וועלט. זיין מוטער, וואָס האָט דורך אַ צופאַל אַ קינד פאַרלוירן, האָט שוין פון לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אים. נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער חיימל איז געבוירן געוואָרן, זענען איר צו חלום געקומען מלאכים, און אָנגעזאָגט די בשורה אַז זי וועט געבוירן אַ זון, „און טאַקע צום לעבן".

ווייטער דערציילט ער וואָס פאַר אַ פרייד ס'איז געווען ווען ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט. „וואָס איז דער טייטש אַ פרייד. די מאַמע האָט זיך צעוויינט, און דער טאַטע האָט געטאַנצט". און די באָבע רבקה האָט אַרויסגערופן די הייליקע באָבעביילקע וועלכע האָט דורך איר לעבן געטראָגן אַ טלית-קטן, אַז אין איר זכות זאָל חיימל גרינג דערצויגן ווערן.

ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד, האָט מען אים געלאָזט וואַקסן פאות, און אים אָנגעטאָן אַ טלית-קטן. און ער דערציילט:

„מען רופט מיך רבילע, און איך גיי אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ קמיעלע, פון אַ גוטן ייד אַ ברכה, אויף די הענט רויטע בענדלעך, אַ סגולה פאַר אַ שלעכט אויג".

אַזוי האָט מען געציטערט איבער חיימלס קינדהייט. אָבער ניט זיינע עלטערן און ניט די באָבע ביילקע מיטן טלית-קטן האָבן אים געקענט אויסהיטן פונעם שווערן גורל וואָס האָט אים דערוואַרט.

חיימל וואַקסט און לערנט. שפּעטער אַרבעט ער מיט זיין טאַטן ביים וועבשטול, און האַלט אַ ביכל ביים זייט. ביי דער אַרבעט וועבט ער זיינע באַגייסטערטע לידער.

זיין לעבן שיינט אויף ווען ער פאַרליבט זיך אין דער שיינער חיה שרהן. וואָס פאַר אַ גאָלדענע צייט דאָס איז געווען פאַר דעם דיכטער. „מיט זונען-טיכער, שרייבט ער, האָב איך מיינע זעגלען אָנגעצויגן, און זיך געלאָזט מיט מיין שיף אויפן ים". אָבער די פרייד האָט לאַנג ניט געדויערט.

דער איידעלער דיכטער י. ה. ראַדאָשיצקי, וועלכער איז געווען קרולס לאַנג-יאָריקער נאָענטסטער חבר, דערציילט וועגן זיינע שפּעטערדיקע יאָרן. ווען עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט-מלחמה, ליידט קרול פון נויט און קראַנקייט. באַלד נאָך דער מלחמה פאָרט זיין געליבטע, חיה שרה, אַוועק קיין אַמעריקע. אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאָרט ער צו איר, נאָר אויף דער שיף ווערט ער אָנגעגריפן פון אַ געפערלעכער פּאַראַליזירנדיקער שלאָף-קראַנקייט.

ער קומט אָן קיין ניו יאָרק, און חיה שרה נעמט אים צו אַלערליי דאָקטוירים. ווען זי דערוויסט זיך אַז זיין קראַנקייט איז אומהיילבאַר, פאַרלאָזט זי אים פּלוצעם און פאַרשווינדט.

דאָס צעברעכט אים פולשטענדיק. ער פאַרבלייבט הילפלאָז און אַליין. פון דאַן אָן איז זיין לעבן אָנגעפילט מיט צער און מיט בענקשאַפט. נאָך חיה שרהן גאַרט ער ממש ווי נאָך זיין אייגן לעבן. און שווער איז אים איבערצוטראָגן די בענקשאַפט.

אין זיין חלום פילט ער איר נאָענטשאַפט.

אין יעדן וועלכל דערזע איך דיין בליק,
אין יעדן ווינטל דערפיל איך דיין גלעט.

און אַזוי לאַנג ווי אים איז נאָך באַשערט צו לעבן אויף דער וועלט, קוועלט פון אים אַ כסדרדיק געזאַנג צו חיה שׂרהן.

עס זינגט אין מיר
ווי אַ וואַלד רוישט
צו דיר, לידער.
עס זינגט אין מיר
ווי אַ ים אָטעמט,
צו דיר, לידער.
עס זינגט אין מיר
ווי אַ הימל בלאָט
צו דיר, לידער.

מיט זיין פאַרבינדן זיין ליבשאַפט מיט דער נאַטור האָט חיים קרול ארייגעבראַכט אַן אויפלעב און אַ פרישקייט אין דער יידישער דיכטונג.

מיט זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע שאַפט ער זיך וויזיעס.
כ'שלייף די בערג
און מאַך מיר פאַלייען פון די גראַניטן,
צי אַריין דעם הימל אַלס דאַך און פענצטער,
און זעץ מיך אַריין און שרייב מיר לידער.

אָבער ווען ער שיקט אַרויס זיינע ווייסע טויבן פון זיין פאַרזיגלטן טורעם, קומען זיי צוריק מיט "לאָמע פליגל".

חיים קרולס געזונט-צושטאַנד האַלט זיך אַלע מאָל אין איין פאַרערגערן. מיט דער צייט ווערט ער אַזוי קראַנק, אַז ער מוז כסדר זיין פאַרשפאַרט צווישן שפּיטאָל-ווענט, און ער באַקלאָגט זיך.

ס'האָט וועך די טיר פון מיין לעבן פאַרשלאָסן.

אים איז אויסגעקומען צו שרייבן אונטער די שווערסטע אומשטענדן. פאַרן איינזאַמען, קראַנקן דיכטער איז זיין ליד געווען ווי לופט פאַרן אָטעם. דאָ האָט ער אויסגעווינט זיין האַרץ

אויפן טאָג וואָס איז אַוועק אָן פרייד, און אויף דעם טיפן פּיין וואָס האָט אים קיין מאָל ניט פאַרלאָזן —

וויִ שטיל האָב איך געוויינט,
און ווי טיף האָב איך געפּיינט.

דער דיכטער האָט זייער אָפּגעשאַצט פריינדשאַפט. אַ באַזונדערע נאָענטשאַפט האָט ער געפילט צו דעם גרויסן פּאָעט י.י. סיגאַל. מע געפינט לידער בייביידן וואָס זיי האָבן געווידמעט איינער צום צווייטן.

תמימותדיק איז בכלל געווען זיין באַציִונג צו מענטשן. ער האָט צו קיינעם קיין תרעומות ניט געהאַט פאַר זיינע ליידן. אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז גאָט אַליין וויינט מיט מיט אים. אין זיינע תפילה לידער בעט ער ניט נאָר פאַר זיך נאָר אויך פאַר אַנדערע.

פאַראַן מאָמענטן ווען ער פילט אַז די גאַנצע וועלט איז אָנגעפילט מיט יאוש און עלנט ווי ער. אין קרעפטיקע שורות דריקט ער אויס זיין מיטלייד.

ווען אין מיטן נאַכט הינט קלאָגן,
שטרעק איך טיף מיין קאָפּ אין דער וועלט,
... פאַרנעם דעם יאוש —
דעם עלנט פון גאָט און בריאה —

טראָץ זיין קראַנק, פאַרמאַטערט לעבן, האָט חיים קרול באַוויזן זיך אָנצוהאַלטן ביי זיין ליד כמעט ביזן סוף. ער איז געווען זייער נייגעריק צו זען זיינע לעצטע לידער אָפּגעדרוקט, אָבער ליידער האָט ער עס ניט דערלעבט.

זיין געטרייער חבר, דער דיכטער י.ה. ראַדאָשיצקי, וועלכער איז געווען ביי זיין בעט ביזן לעצטן טאָג, האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן זיין עזבון אין אַ רחבותדיקער אויסגאַבע. דאָס איז חיים קרולס פּערטער בוך. דאָ גייען אַריין אחוץ זיינע לידער, קליינע עסייען, אַ ראָמאַן, און זכרונות; אויך זיין טאָגבוך פונעם שפּיטאָל פאַר אומהיילבאַרע, ווו ער האָט זיך געפונען. צום סוף קומען אָפּשאַצונגען פון אַ צאָל שרייבער, אייניקע פון זיי, זיינע

יוגנט חברים. ראַדאָשיצקי אַליין, האָט דאָ צוויי אויספּירלעכע אָפּהאַנדלונגען מיט ביאָגראַפישע נאָטיצן, און אויך אַ ליד וואָס ער ווידמעט דעם דיכטער מיט גרויס אָפּשיי ביים סאַמע אָנהייב פון בוך. פונעם דאָזיקן בוך שאַפט זיך אַ קלאָר, גייסטיק בילד פון חיים קרול.

דער דיכטער האָט זיך געטובלט אין זיין ליד.

אָנגעפילט מיט עקסטאַז זענען די שורות.

כ'בין פריידיק —
אַ שטיק פייער —
אין מיטן פון מיין אַליין זיין.
גלי איך אויף —
נעמען שווינדן די ווענט
פון דער וועלט
און עס ווערן דורכזיכטיק
אַלע זיבן הימלען.
און עס גענענט דער כסא הכבוד
אין מיינע פיר איילן,
און איך קוש דעם של ראש
פון גאָט ברוך הוא.

חיים קרולס ליד איז ממעמקים. ניטאָ אין אונדזער דיכטונג נאָך אַ פּאָעט אין וועמעס דיכטונג עס שפּיגלט זיך אָפּ אַזאַ תמימות און אַזאַ לויטערקייט.

☆ ☆ ☆

ליבט און שאָטן אין
אַננאַ מאַרגאָלינס דיכטונג

אַננאַ מאַרגאָלין איז דער פּסעוודאָנים פון ראָזע לעבנסבוים. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1887 אין בריסק-ד'ליטא. איר פאָטער וועלכער איז געווען אַן עילוי און אַ חסיד אין זיין יוגנט, איז שפּעטער געוואָרן אַ משכיל און אַ ציוניסט. אַננאַ מאַרגאָלין האָט געלערנט אין אַ גימנאַזיע.

אַחוץ פּאָעזיע האָט זי זיך אויך אָפּגעגעבן מיט זשורנאַליזם און דערציילונגען. אין 1973 האָט זי אַרויסגעגעבן אַן אַנטאָלאָגיע — "דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע", און אין 1979 האָט זי פאַרעפנטלעכט אירע לידער אין בוכפאָרעם מיטן נאָמען "לידער". דאָס בוך האָט שטאַרק אויסגענומען אין יענער צייט. דאָס איז געווען דער איינציקער באַנד וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן. אירע לידער זענען דערשינען אין אַלע וויכטיקע צייטשריפטן.

אַננאַ מאַרגאָלינס דיכטונג איז שפּעדיק אין שטימונגען און אין אימאַזשן. זי זוכט נישט קיין מליצה, קיין "ווערטער פון מאַרמאָר און גאָלד", ווי זי אַליין זאָגט. זי פּאַסט אויף אויף יעדן וואָרט. אין איר ליד שיילט זיך אויס איר פּערזענלעכקייט.

פון איר געבוירן-שטאָט בריסק מאָלט זי אַ בולט בילד ווי זייט ביי זייט מיט דעם פרומען שטייגער לעבן פונעם עלטערן דור קומט אויף די וועלטלעכקייט פונעם יונגען דור. מיט ליבשאַפט אָבער אָן בענקשאַפט, ווי מיר זענען געוווינט צו זען ביי אַנדערע דיכטער, שילדערט זי די שטאָט בריסק. אַ שטילער אומעט און אָפּהענטיקייט הערשט דאָרט. די שטאָט איז קליין און גרוי. ליידיק זענען די בולוואַרן. עס דרעמלען די קרעמער.

בכלל איז אַ גרויסער טייל פון איר דיכטונג דורכגענומען מיט אומעט. "דער שניי", זאָגט זי, "פאַלט ווי דערשאָסענע פייגל". מאַנאָטאָן זענען אירע טעג ווי די געלע בלעטלעך פון אַן אַלטן סידור. אינעם האַרבסט פילט זי דעם צער פון פאַרגיין. איר ווייזט זיך אויס אַז די האַרבסטיקע ערד פאַרוואַנדלט זי מיט איר חבר

אין צוויי שטיינערנע סטאַטועז. גייען זיי פּאַמעלעך, מיט שטיינערנע טריט. דאָס איז אַן אימפּרעסיאָניסטישער איינפאַל.

אין אירע אויגן איז דער מענטש נישט אָפּנהאַרציק נאָר פאַרשטעלט. אָפט פאַרטראַכט זי זיך וועגן לעבן און טויט, און קומט צום שלוס אַז אַלץ איז אומפאַרשטענדלעך, און עס פאַרשאַפט איר פאַרדרוס.

אָבער זי פאַרלירט זיך נישט אין איר עצבות. זי אַליין זאָגט וועגן זיך אַז זי איז פול מיט אומעט, אָבער אויך מיט שטאָלץ. צייטנווייז שטראָפט זי זיך פאַר איר צער, און איר געלינגט זיך צו באַפרייען דערפון. דעמאָלט לייכטן אויף אירע פערזן מיט אַ באַזונדערן שיין. איר דאַכט זיך דאַן אויס אַז דער רבש״ע שמייכלט אַראָפּ צו איר פון הינטער זיין גאָלדענער מאַסקע, די זון.

מיטן אָנקום פונעם פרילינג דערפילט זי אַ זאַפטיקייט אין דער לופטן.

פאַרחלומט זענען די בילדערישע שורות —
עס טרעפט, אַז אין גרין-גאָלדענעם גאָרטן
הענגט די זון ווי אַ פרוכט אויפן בוים.
דערפילט האָב איך דאָרטן
איין מאָל אין אַ ליכטיקער שעה
איר זאַפט אין מיין מויל.
און אַ מאָל פאַרנאַכט אויפן ים
איז זי אַ פייערדיקע שוואַן,
אַ ווייסע און אַ גלייכע.
מיט אַ זילבערנעם האָרן צווישן די ליפּן
בין איך אויף איר רוקן איין מאָל געריטן.

נישט נאָר דאָס זונענליכט, אויך דער פרילינגדיקער רעגן וועקט אויף אין איר אַ געזאַנג.

אין זילבערנעם רעגן האָבן זיך ביימער צעבליט...
... מיט לופּטיקע קרוינען און לופּטיקע שטאַמען,
ווי פאַרכּישופטע, זילבערנע, שלאַנקע פאַנטאַנען.

אין איר מונטערן געמיט זעט זי נישט מער קיין פאַרשטעלטע פּנימער. זיי זעען דאַן אויס "אויסטערליש איידל". אַ מאָל פאַרגלייכט זי זיי צו רויזן או אויך צו צוויט. דער טאָג איז מער נישט מאָנאָטאָן. ער האָט אַ פאַרב. ער איז וויאָלעט. אויך דאָס דערמאָנט אין בלומען. עס איז קענטיק אַז די דיכטערין האָט געפילט אַ קרובישאַפט צו דער נאַטור.

טייל מאָל ווייזט זיך איר אויס אַז דער אָוונטיקער הימל איז אַראָפּ אויף דער ערד. גייען די מענטשן אום אין הימל. דאָ טרעפן מיר ווידער אָן אויף אָריגינעלע אימפּרעסיאָניסטישע שורות.

אינטערעסאַנט און אָנרעגנדיק איז דאָס ליד "אין קאַפע", וואָס איז פול מיט פיינע מעטאַפאָרן. אין אַ דערהויבענער שטימונג בענטשט זי דעם אָרום. זי באַוווּנדערט זיך אַליין, זעענדיק זיך ווי אַ וויזיע פול מיט שיין.

אין קאַפע

איצט אַליין אין קאַפע,
ווען עס לעשן זיך שטימען און וויאָנען,
ווען פערלדיק צינדן זיך לאָמפּן
און שווימען אַרויס פון קאַפע
ווי לויכטנדע שוואַנען
איבער די גאַס —

... איצט, איצט אַליין אין קאַפע
ווען עס שאָרכן די רגעס ווי זייד,
הייב איך אויף צו דער גאַס, צו דער ווייט
מיין שוואַרצן און דופּטיקן וויין.

און ווי אַ געזאַנג איז דער געדאַנק
אַז ס'פאַלט פון מיר אין טונקלקייט
אַ ווייסער שיין.

מיט בענקשאַפט און מיט אַ באַזונדערן חן דערמאָנט זי איר פאַרשטאָרבענעם פריינד, דעם דיכטער ראובן לודוויג. זיינע לידער, זאָגט זי, זענען נישט געווען פון קיין גרויסן באַטייט, אָבער ער אליין איז געווען שענער פון זיינע לידער.

מיט רייד פאַרנאַכטיקע, שטילע,
דערמאָנען מיר אים,
מיט רייד ווי אַ טרער, ווי א תּפילה.

אַננאַ מאַרגאָלין האָט געפּורעמט איר ליד "מיטן לעצטן אָטעם". זי זאָגט וועגן זיך אַז זי איז "די קעניגין פון וואָרט". מיטן ליד איז זי אויפגעוואַקסן.

לייענענדיק דער דיכטערינס פּאָעזיע קומען אַנטקעגן צוויי היפּוכדיקע שטימונגען: פרייד און התלהבות, און אויך פאַרטראַכטקייט און אומרו — ליכט און שאָטן.

☆ ☆ ☆

אַלטער עסעלין

דער דיכטער און עסייִיסט נ. ב. מינקאָוו זאָגט אין זיינעם אַן עסיי אַז פונעם כסדרדיקן לייענען און איבערלייענען אַ פּאָעט במשך לאַנגע יאָרן שאַפט זיך ביים לייענער אַ בילד פונעם פּאָעט וואָס איז אין דער אמתן די שטימונג אַרום אים.

ביים לייענען אַלטער עסעלינס דיכטונג ווערט מען דורכגענומען מיט זיין בענקשאַפט נאָך שיינקייט. ווי יעדער דיכטער זוכט ער צו פאַרפאָלקאָמען און באַרייכערן זיינע שאַפונגען מיט זיין אינערלעכער שיינקייט. דאָס עצם זוכן די שיינקייט איז ביי אים דער עיקר, ווי ער זאָגט עס אין די שורות:

איך וועל קיין מאָל ניט גלויבן
אַז די שיינקייט פון זאַכן ליגט גרייט און פון אויבן:
איך וועל שפּיזן די אויגן און שאַרפן מיין אויער
אויף ליפּען פון שטאַמלער און קינדער אין טרויער.

אינטערעסאַנט איז געווען עסעלינס אומגעווײנלעכע צוגעבונדקייט צו זײַן אַלטער כּמעט דאָרפֿישער שטוב ווו ער האָט געוווינט שוין כּמה יאָרן און וואָס איז געווען אַ טייל פֿון זײַן לעבן. אַ צווייטער שטריך איז געווען קענטיק אין דעם דיכטער אַליין, אין דעם שטאַרקן היפּוך וועלכער איז אַזוי אויפֿפאַליק געווען צווישן זײַן הויכן, פֿעסט געבויטן גוף און זײַן פּנים וואָס האָט אויסגעדריקט מילדקייט און צאַרטקייט. עס דערמאָנט אין די שורות פֿון זײַנס אַ ליד:

> פֿאַרוואָס זאָל מיך אַרן אַ בלעטל אין פּלאַטער
> און אפילו די שטומע לבנה מיר ווײ טון?

יאָ, עסעלינען האָט געקענט ווײ טון אפילו אַ בלעטל אין פּלאַטער און אויך די שטומע לבנה. ביים צאַרטן דיכטער איז די פֿרייד פֿון שײנקייט דערגאַנגען ביז ווייטיק.

ניט נאָר איז ער געווען סענסיטיוו צו דער שײנקייט פֿון זײַנע שאַפֿונגען, נאָר אויך צום לעבן גופא, און צו זײַן גאַנצן אַרום, מיט זײַן אײַנגעשפּאַרטן גלויבן אין דעם וואָס אנדערע לעסטערן, מיט זײַן מיטלייד צום שכן דעם שוואַרצן, און מיט זײַן אין זינען האָבן דעם תּם וועמענס פֿאַרשעמטע צונג "ליגט אין זײַן מויל ווי אַ שטיין".

אין זײַנע פֿײַנע באַלאַדן וועגן חיות, זאָגט ער אַז אַ ציטער גייט דורך זײַן לײַב ווען ער הערט אַ הונט וויינען אין הונגער.

> אַ ציטער גייט דורך מײַן לײַב ווען איך הער נאָר:
> אַ הונט וויינט אין הונגער, אַ קעצל — אין פֿראָסט.
> כ'וואָלט ליבער אין מדבר געגערט זיך מיט דערנער
> ווי זען אויף הפקר אַ לעבן פֿאַרוואָרלאָזט.

און ווי אײַגנאַרטיק דער פּאָעט שרײַבט וועגן ביימער וועלכע שטאַרבן ניט ווי מענטשן, אָבער אין דער אמתן פֿאַרמענטשלעכט ער זיי יאָ.

ביימער שטאַרבן ניט אַליין.
זיי נעמען מיט די פידלען פון די ווינטן,
די הימנעס פון די נעסטן,
די שפּיגלען פון דער זון,
געלעכטער פון די בלעטער,
... ביימער שטאַרבן ניט אַליין.
ביימער שטאַרבן ניט ווי מענטשן.

אין די שורות זעען מיר ווי דער איידעלער דיכטער זוכט אַ דערנענטערונג צו דער שטומער נאַטור.

איך וועל אַמאָל נאָך רעדן ווי אַ שטומער צו אַ שטומען
און פאַר אַ פאַלנדיק בלעטעלע זיך קניען.

עסעלין האָט ליב צו רעדן מיט אַזאַ אָפנהאַרציקייט אין זיינע לידער, אַז ביים לייענען זיי פילט מען ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ פריינד. מען פילט פּשוט זיין אָטעם אין יעדן ליד. ער באַקלאָגט זיך שטאַרק אויף זיין אָרעמקייט.

איך בין אָרעם, איך האָב גאָרניט ניט
נאָר אַ האַמער, אַ זעג און אַ דלאָט.
און א דימענט וואָס לייכט אין מיין פינצטער ליד
און אַ טרער וואָס ברענט אין מיין תּפילה צו גאָט.

און ווייל ער מוז אַוועקגעבן אַזוי פיל פון זיך צוליב זיין פּראַצע, איז ער פאַרמאַטערט, און אומצופרידן.

שווער זענען געוואָרן מיינע הענט,
שטיין — גרוי און האַרט,
לאָם און האַמער האָבן איינגעבויגן מיין נאַקן.

מען פילט אַן אומרו אין זיינע לידער און אויך פאַרלוירנקייט וועגן דעם גורל פונעם מענטשן. ער זאָגט:

צייט שטייט, עס זענען מיר וואָס שווינדן
און לאָזן איבער בלוטנדיקע שפּורן.

עסעלין האָט זיך געפילט איינזאַם אין מילוואָקי, ווו ער האָט געוווינט. אים האָט געפעלט די סביבה פון יידישע דיכטער. דעם

לעצטן פון זיינע דריי ביכער רופט ער אָן מיטן נאָמען "לידער פון אַ מדברניק" (פאַר ער וועלכן האָט, אגב, באַקומען אַ פּרעמיע).

אָבער ביי אים אין שטוב פלעגט זיך פון צייט צו צייט פאַרזאַמלען אַ גרופּע פון ניט יידישע אינטעלעקטואַלן און דיכטער. מען האָט דיסקוטירט וועגן ליטעראַטור און אויך געלייענט לידער. איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין צוגאַסט ביי איינעם פון די פאַרזאַמלונגען, און עס האָט מיר פאַרשאַפט אַ נחת רוח.

דער דיכטער האָט אָפּט ליב צו פילאָזאָפירן אין זיינע לידער, און עס געפינען זיך ביי אים אַזעלכע בליציקע שורות —

... וואָס רייסטו זיך אַהין צו די הויכן
אַז דו קענסט אפילו צו זיך ניט גרייכן?

... זוכה איז ער וואָס קאָן זיך פאַרגינען
צו פאַרלירן זיך און זיך ווידער געפינען ...

... עס איז דער נאַר וואָס פליגלט הויך. דעם חכם ציט צום גרונט.
און —
אז ווייל איז דעם וואָס האָט אין טרוים אַ לופט-שלאָס אויפגעבויט.

אַז ווייל איז אונדזער דיכטער וועלכער האָט אין זיין טרוים אויך פאַר זיך אויפגעבויט אַ לופטשלאָס, פון וועלכן עס לייכטן אַרויס אַזעלכע שורות:

איך בין פאַרליבט אין דיכטער און אין לידער.
... מיין גאַנץ לעבן גיב איך פאַר אַ ליד.
דאָס ליד אָבער זאָל ווערן איך אַליין
... און צינדן מיט לידער-ליכט די וועלט.

☆ ☆ ☆

מלכּה לי

מלכּה ליס דיכטונג איז אַ געזאַנג צום לעבן. דאָס איז ניט קיין געוויינטלעכע כאַראַקטעריסטיק ביי דיכטערס. אויסדריקלעך און מעלאָדיש איז איר רחבותדיק ליד. אין אָנהייב האָט זי זיך געפילט קליין קעגן אַנדערע דיכטערס. אָבער דאָס האָט זי ניט אָפּגעהאַלטן פון שרייבן, אדרבא, תּמיד איז איר טאָן פעסט און דרייסט.

מלכּה לי האָט צוערשט געשריבן אויף דייטש. שפּעטער איז זי אַריבער צו ייִדיש. זי האָט אַרויסגעגעבן אַכט ביכער: צוויי אין פּראָזע, איינס אויטאָביאָגראַפיש, און דאָס צווייטע — קינדער-מעשיות. איר לעצט ביכל לידער "אונטערן נוסנבוים", אין 1969 — זיבן יאָר פאַר איר טויט. אגב, איר פּסעוודאָנים "לי" איז אַ פאַרקירצונג פון לעאָפּאָלד ראַפּאַפּאָרט.

די דיכטערין, געבוירן אין 1904 אין אַ קליין שטעטל, מאָנאַסטרישטש, אין מזרח-גאַליציע, שטאַמט פון אַ חסידישער משפּחה. אין איר אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן "דורך קינדערשע אויגן", באַשרייבט זי דאָס אידילישע, טראַדיציאָנעלע לעבן אין איר היים, וואָס איז אָבער פרי צעשטערט געוואָרן מיטן אָנקום פון דער גרויליקער ערשטער וועלט-מלחמה. זי דערציילט אויך וועגן די פּאָגראָמען און נגישות וואָס ייִדן האָבן געהאַט אויסצושטיין.

מלכּה לי האָט אָנגעהויבן שרייבן ווען זי איז נאָך געווען א שול מיידל אין דער פּוילישער גימנאַזיע. צו זעכצן יאָר האָט זי פאַרלאָזן איר היים און געפאָרן קיין אַמעריקע. איר מאַמע, זעענדיק איר פּאָעטישן טאַלאַנט, האָט זי געמוטיקט צו פאָרן, ווייל זי האָט געמיינט אַז זי וועט דאָרט האָבן מער מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען איר טאַלאַנט. איר משפּחה איז שפּעטער אומגעקומען פון די נאַציס.

וועגן איר פרומען טאַטן דערציילט די דיכטערין, אַז ער האָט זיך געשעמט און געקוקט מיט ביטול אויף אירע "גראַמען". אָבער זי האָט ניט געטראָגן קיין שינאה צו אים. אין אירע זכרונות דערציילט זי מיט בענקשאַפט וועגן זיין געטריישאַפט און וועגן

זיין גאָלדן קול. ער האָט געדאַוונט אין איינעם מיטן רבין. אַ פרייידיקער מאָמענט איז געווען זיין אַהיים ברענגען יעדעס מאָל אַ נייעם ניגון צום שבת-טיש. "ער איז געווען אַן אמתער מלך", שרייבט די דיכטערין.

אָבער אַ גאַנץ באַזונדערן צובונד פילט זי צו איר מאַמען. מיט טיפער ליבשאַפט צו איר איז דורכגענומען איר ליד. די מאַמע איז פאַר איר דער סימבאָל פון שלמות.

איך שפין אויס אַ צירונג-שנור פאַר דיר
פון אַלע מיינע טעג און יאָרן,
מאַמע מיינע, איך שפיגל זיך אין דיר
ווי זון אין אַ קוואַל אַ קלאָרן.

די דיכטערין דערמאָנט אויך איר מאַמען ווען זי פאַררופט זיך אויף עפּעס וואָס איז הייליק אָדער עיקרדיק. מלכּה איז געווען דער מאַמעס פרייד. די מאַמע האָט זי פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט. אַ שטאַרקן רושם האָט אויף מלכּהן געמאַכט דער מאַמעס דעקלאַמירן פּוילישע פּאָעזיע. אויך זי האָט פאַרמאָגט אַ חוש פאַר דיכטונג, און געזען אירע מיידלשע חלומות, אירע פאַרכּישופטע ווערטער, וואָס זי האָט אויסגעשטיקט מיט אירע פינגער — געמאָלן אין מלכּהס לידער.

אין אירע טרויער-לידער נאָך איר מאַמען, זאָגט מלכּה לי אַז זי וועט צוריקקומען אין שטעטל און אויפזוכן איר קבר צווישן די אומגעקומענע. אַן אַנדערש מאָל רופט זי אויס מיט צאָרן: "וועלט, גיב מיר צוריק מיין מאַמען!" זי פילט אַז די גאַנצע וועלט איז שולדיק אין איר טויט. אַ טייערער אָנדענק איז אַ רויט טיכל, וואָס די מאַמע האָט איר אַ מאָל געשאָנקען. ווי לעבעדיק עס בליען דערויף די בלומען! זי הילט זיך איין אין דעם, און פילט ווי דער מאַמעס אָרעמס נעמען זי אַרום. אַ באַזונדערן באַטייט האָט פאַר איר דער מאַמעס גאָלדענע קייט, אַ מתּנה פונעם טאַטן. זי פילט אַז די הייליקע קייט פאַרבינדט איר מיט דער אומגעקומענער משפּחה.

זי דערמאָנט אויך דעם זיידן, וועלכער האָט געהאַט אַ וואונדערלעכן שטעקן מיט א זיסן בשמים-ריח פון צעדערבוים.

אַזאַ ווילער איז ער געווען. ער פלעגט צונויפרופן די אייניקלעך, זיי צודריקן צו זיך און יעדן געבן אַ גראָשן. וועגן דער באָבע האָדען, ווידער, וואָס איז אַ מאָל אין די מלחמה יאָרן, פאַרלוירן געגאַנגען אויף אַ באַן און איז צוריקגעקומען, דערציילט מלכּה, אַז זי איז געווען די פּרנסה-געבערין. גאַנצע טעג און נעכט איז זי געווען פאַרנומען ביים הייסן אויוון מיט באַקן קיילעכדיקע ברויטן, און זיך געבראָטן די אויגן.

איר ביכל קינות איז געהייליקט דעם אָנדענק פון אירע עלטערן. זי באַווײנט די אומגעקומענע יידן און ברענגט אַרויס מאוימדיקע מאָמענטן. דאָך בלייבט איר גלויבן פעסט אַז קיין שום שונא קען נישט פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק. די דיכטערין מונטערט דאָס פאָלק און רופט אים אויפצובויען זיין לעבן אויף ס'ניי.

אינטערעסאַנט איז דער אופן ווי זי דריקט אויס איר פּראָטעסט קעגן מלחמה-צינדערס וואָס שפּרייטן טויט און פאַרוויסטונג. אין דמיון זעט זי אַ זוניק פעלד. אַ פויער שטייט און אַקערט. אָבער ס'דאַכט זיך אַז אַ קללה הענגט איבערן פויער און דעם פעלד וואָס ווערט פאַרוויסט פון מלחמה. מיט תּרעומות ענדיקט זיך דאָס ליד: "ווער האָט פאַרשאָלטן דאָס בלייִקע לאַנד? די זוניקע פעלדער פאַרוואַנדלט אין זאַמד?"

מיט רוגזה שרייבט די דיכטערין קעגן די וואָס האָבן הנאה פון הרגענען חיות. אין אַ דראַמאַטישער פּאָעמע פול מיט שפּאַנונג שילדערט זי ווי יעגערס יאָגן זיך נאָך אַ הירש און טויטן אים. דער הירש איז איבערהויפּט באַליבט ביי איר און זי דערמאָנט אים אָפט אין אירע לידער.

כאָטש איר אייגן לעבן איז געווען אַ גליקלעכס (אגב, איר מאַן, אהרן ראַפּאַפּאָרט, איז אויך געווען אַ פּאָעט), האָט זי תּמיד אין זינען געהאַט די אָרעמע און עלנטע.

דורך פינצטערע נעכט ווען בלוטן פרירן
ברענג איך מיינע רייד
צו אייערע טירן
ווי קאָרבן אויבס פון פולע פורן.

אין אירע אַרבעטער-לידער באַדויערט מלכּה וואָס דאָס אַרבעטער-לעבן איז אַזוי שווער און אויסגעשטעלט צו סכּנות. אין דער פּאָעמע "טרייעגגל פייער" גיט זי איבער אין פיבערדיקע שורות דאָס מוראדיקע אומגליק.

צו אירע בעסטע לידער קענען פאַררעכנט ווערן אירע ישראל הימנעס וועגן דעם אויפקום פון דער ייִדישער מדינה. עס איז ווי אַ חלום וואָס איז פּלוצעם געוואָרן וואָר.

צום הר ציון מיין פאָלק איז געגאַנגען
מיט טריט פון נביאים ביינאַנאַד.
מיט ליכטיקע בשורות און הלל געזאַנגען
זיי זענען געקומען אין אייגענעם לאַנד.

ירושלים רופט זי אָן די "מאַמע שטאָט". אַרויפקריכנדיק אויפן הויכן באַרג צום כּותל, טראַכט זי אַז אויך דער וועג אַרויף איז הייליק, ווייל דאָ האָבן דורות ייִדן געשפּאַנט.

אַ גרויס געשעעניש אין איר לעבן איז דער אויפבוי פון די ערשטע עלף קבוצות אין נגב. שטאַרקער פון די ווערטער איז דאָ דער התלהבותדיקער ריטעם, אין וועלכן מען הערט ממש די דיכטעריין אויסטאַנצן איר שמחה.

עם ישראל חי! עם ישראל חי!
דורך די בערג עס שוועבט אַ ניגון
אַלע שטערן זיך צעוויגן —
עם ישראל חי!
אַלע וועלטן הערן, הערן,
קיינער וועט מיין פאָלק צעשטערן —
עם ישראל חי!

מיט פיעטעט באַציט זי זיך צום ייִדישן לשון וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל פּורעניות. הייליק איז עס ווי די קדושים, און עס וועט אייביק לעבן.

מיט אַ העלן שיין לייכט דורך אירע שאַפונגען איר ליבשאַפט צו איר לעבנס-חבר. סע דאַכט זיך אַז ער איז פאַרבונדן מיט אַלע

אירע פריידן. צו אים רעדט זי אָפּט אין איר ליד. מיט אים ביי דער זייט פֿאַרמאָגט זי איבערנאַטירלעכע כּוחות.

"די בלומען זענען דאָס געזאַנג פֿון דער ערד", זאָגט מלכּה. זי פֿילט זיך באַפֿליגלט פֿונעם בלויען קאַיאָר. דאָס רוישן פֿון ים און ווינט וועקט אין איר אומרו. אַ פֿרייד רופֿט אין איר אַרויס די אויפֿגעוואַכטע נאַטור, און זי שאַלט אַויס:

שיר השירים, געזאַנג פֿון געזאַנגען,
מיט קראַפֿט ביסטו אין מיין בלוט אויפֿגעגאַנגען.
אַ געזאַנג צו די בערג,
צו די לויטערע קוואַלן,
אַ געזאַנג צו דער וועלט מיין האַרץ וויל אויסשאַלן.
עס האָט בוים מיט בליִונג ווי מיט בלעטער צעקלונגען,
דאָס בין איך מיט פֿרוכטיקע לידער צעזונגען.

צאַרט און פֿארחלומט זענען אירע מעטאַפֿאָרן:

טשערעדעס שאָף מיט דרימל אין די אויגן
ווי אַ וואַסערפֿאַל נידערן אַראָפּ אין טאָל.

אָדער:

וועק ניט די שטילקייט מיט טריט
לבֿנה שפּרייט פֿאַר אונדז צוויט.

צוליב איר ליד האָט זי פֿאַרלאָזן איר משפּחה און געפֿאָרן איבער ימען. דורך די פּיינלעכסטע מלחמה-איבערלעבונגען האָט זי נישט אויפֿגעהערט צו שאַפֿן. דאָס ליד איז געווען פֿאַר איר אַ גייסטיקער אָנשפּאַר וואָס האָט זי געשטאַרקט און געמוטיקט. אין זיי האָט זי אויסגעזונגען אירע התלהבֿותדיקע געזאַנגען.

☆ ☆ ☆

ראַשעל וועפּרינסקי

ראַשעל וועפּרינסקי איז איינע פון אונדזערע באַדייטנדיקע דיכטערינס. אין איר שפּראַך, אין איר סטיל, איז קענטיק איר אינטעליגענץ און קולטור. איר ליד איז צמצומדיק, קלאָר, און פעסט צעמענטירט.

שוין אין איר ערשטן בוך לידער ״רוף פון פליגל״ (1926) מערקט זיך איר פיינער טאַלאַנט. זייט דאַן האָט זי באַרייכערט אונדזער דיכטונג מיט נאָך דריי ביכער. יעדעס בוך איז אַ פאַרזיכטיקער אָפּקלייב פון אירע רעפּרעזענטאַטיווע לידער.

מיר באַקומען ווייניק ביאָגראַפישע אינפאָרמאַציע וועגן איר אָדער אירע עלטערן פון איר דיכטונג. אין אַ ליד וועגן איר קראַנקן טאַטן (וועלכער איז יונג געשטאָרבן), געפינען מיר אויס אַז ער איז געווען אַ שווייגנדיקער און אַ טרויעריקער, ער איז געווען ״פאַרשעמט אין דחקות״. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן און אוודאי נישט געצערטלט זיינע קינדער. ״מיינע קינדער־יאָרן״, זאָגט די דיכטערין, ״וויינען אַריין אין מיינע לידער״.

עס איז לײדער געווען דער גורל פון ראַשעלן צו אַרבעטן אין אַ סוועטשאָפּ ווען זי איז געווען בלויז דרייצן יאָר אַלט. זי איז שוין דאַן געווען אַ יתומה, אָן אַ טאַטן.

אין צענטער פון איר לעבן איז געווען דאָס ליד. ״אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט״, זאָגט די דיכטערין. ״מיט זיין בלוט און זיין מאַרך האָט דער ערשטער מענטש עס געהאָדעוועט״. זי פילט אַז אין גאַנצן באַשאַף איז דאָ דער באַגער צו קומען צום אויסדרוק. אין איר תּפילהדיק ליד בעט זי —

דאָס וואָרט וואָס האָט נאָך נישט געצוויט,\
וואָס שלאָפט אינעם שטיין, אינעם שטויב, אין דער נידער,\
וועק עס אויף, לאָז עס אויפבליען פריש ווי אין בייט,\
אין דער שורה־שניט פון מיינע לידער.

אַ באַזונדערע פרייד פילט זי ביים אויסשטאַלטיקן און אויספורעמען דאָס ליד, גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ סקולפּטור-ווערק. די איידעלע אַרבעט פון שרייבן פילט איר אָן מיט אַ געפיל פון רעליגיאָזיטעט.

פרום האָט מיין מאַמע געבענטשט אירע ליכט,
איך צינד די קנויטן פון לידער.

אין איר אויסגערייפט, דערהויבן ליד געפינט די דיכטערין אַ תיקון און אַן אויסלייזונג פון אַלע אירע ווייען.

זי באַטראַכט עס פאַר אַ באַזונדערע זכיה וואָס זי האָט געלעבט אין איין צייט מיט די גרויסע דיכטער פון דער בלי-עפּאָכע אין דער אַמעריקאַנער-יידישער ליטעראַטור. זי איז פול מיט בענקשאַפט נאָך זיי. מיט זאָרג רופט זי אויס:

יידישע דיכטער, מיינע ברידער,
ס'איז געקומען די איינזאַמסטע שעה.
איך רוף און איך רוף אין דער פינצטער:
ווער איז דאָ?

אָבער די גרעסטע זכיה איז פאַר איר געווען ווען זי איז געוואָרן די פרוי פון מאַני לייבן. די לידער וואָס זענען געהייליקט זיין אָנדענק, זענען דער שיר השירים פון איר דיכטונג. "ער איז געווען די פידל אין גאָטס האַנט", שרייבט זי, און "אויב עס וועט קומען אַ צייט ווען מען וועט אים אויפהערן לייענען, וועט גאָט אַליין אים לייענען". אין אַלע אירע ביכער ווידמעט זי לידער צו דעם גרויסן דיכטער.

פון אוניווערסאַלען באַדייט איז דאָס ליד "דורך אַלע צייטן". דער דיכטערין ווייזט זיך אויס אז איר געליבטער הערט איר רוף — אַן אייביקער רוף...

קיין אַנדער רוף הערט ניט דיין בענקשאַפט נאָר מיין רוף,
וואָס האָט דיך גערופן דורך אַלע צייטן...

מיט בולטקייט שילדערט זי אירע שטימונגען. די שטילקייט דרינגט אריין דורך טירן און ווענט, שרומפּט איר איין, און האַלט איר געפאַנגען.

אָבער נישט נאָר מיט בענקשאַפט און אומעט איז אָנגעהויכט איר ליריש ליד. עס איז אויך דאָ פרייד און יוגנטלעכקייט. "די ערד (אין פרילינג) איז יונג", זאָגט זי, און איך בין ייִנגער". ביי איר קומט אויס אַז די יאָרן האָבן נאָר אָנגעטאָן אַ מאַסקע פון עלטער אויף איר פּנים, אָבער אין דער אמתן איז זי ייִנגער ווי פריער.

און זי פרייט זיך מיט דעם נייעם לעבן אין ישראל, ווו דאָס ווייסע ציגעלע איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער מעשה, און פאַשעט זיך אויף ווייץ-צעבליטער פאַשע. הייליק איז דאָ די שבת-רו, אינעם לאַנד ווו עס איז באַשאַפן געוואָרן.

אַלע ליידן וואָס די "וואַנדערער" האָבן דאָ מיטגעבראַכט מיט זיך, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין התלהבות. מיט התלהבות זענען געבויט געוואָרן די שאָסייען, און ווו מען זאָל נישט טרעטן, גייט מען אויף געלייטערטן שטיין".

ווען מען לייענט איבער דאָס ליד וועגן דער אַלטער מיסטישער שטאָט צפת, זעט מען פאַר זיך אַן אויסטערליש בילד, און עס דאַכט זיך אַז די דיכטערין האָט עס געמאָלן, מיט אַ פּענדזל אין האַנט.

> צפת — אַ ניט דערחלומטער חלום, —
> ביסט געבליבן הענגען
> איבער ביינערדיק געבערג,
> אָפּגרונט שפּאַלטן...

אינטערעסאַנט זענען אירע מעטאַפאָרן: "איך ציטער ווי אַ טראָפּן טוי" — אָדער ווען זי פאַרגלייכט די שטראַלן פון דער זון צו דער פראַנדזן פון איר מאַמעס שאַל.

אירע לירישע לידער זענען רייך אין פֿאַנטאַסטיק און אינהאַלט. עס שלאָגט פֿון זיי אַ וואַרעמקייט און אַ שטילע התפּעלות — "אַ ווייסער פֿלאַם", ווי זי זאָגט עס אויף איר דיכטעריש לשון. אין איר אייגנאַרטיק ליד שפּיגלט זיך אָפּ איר פֿיל-פֿאַרביקע פּערזענלעכקייט.

☆ ☆ ☆

צוויי ביכער פֿון ראַשעל וועפּרינסקי

אין אַן אָפּשניט פֿון דריי יאָר צייט האָט ראַשעל וועפּרינסקי אַרויסגעגעבן צוויי נייע ביכער: "נאַכט פֿייערן" (1976) און "לידער" (1979). בסך-הכּל האָט זי ביז איצט אַרויסגעגעבן פֿינף ביכער פּאָעזיע.

אינעם ערשטן בוך "נאַכט פֿייערן" גייען אַריין עטלעכע פֿריערדיקע לידער, און עס איז גוט זיי צו לייענען ווידער אַ מאָל. דאָס בוך אַנטהאַלט מער זייטן ווי דאָס צווייטע בוך, "לידער". די טעמאַטיק איז דאָ אַ ברייטערע. בכלל געפֿינען זיך אין ביידע ביכער אינטערעסאַנטע און אויסדרוקספֿולע לידער, וואָס העלפֿן דעם לייענער זיך צו באַקענען נעענטער מיט דער דיכטערין. דער פֿאַקט וואָס זי איז ניט מדקדק מיטן גראַם, גיט צו עלאַסטישקייט און עכטקייט צו איר דיכטונג.

מיט נייגעריקייט און באַוווּנדערונג באַטראַכט זי אַלע שיינקייטן אַרום זיך. ווי פֿאַר אַ קינסטלעריש בילד בלייבט זי שטיין אַנטציקט, ווען זי דערזעט דעם זשיראַף מיטן לאַנגן האַלדז גיין צום וואַסער טרינקען. עס דאַכט זיך איר אויס אַז דאָס זאַמד האָט זיך צעזונגען און דאָס וואַסער האָט זיך צעליכטיקט.

היימיש פֿילט זי זיך מיט ביימער און בלומען. (אגב אין אַ פֿריערדיקן בוך איז פֿאַראַן אַ גאַנצער ציקל לידער וועגן בלומען.) זי רופֿט אָן די בלומען ביי די נעמען, און רעכנט אויס זייערע אַטריבוטן. אָבער צום בעסטן געפֿעלן איר די כריזאַנטעמע, און דער קראָקוס, וואָס בליען אַפֿילו אונטערן שניי.

אַ באַזונדערן חן האָט דאָס ליד "פרילינג שפּיל" ווו די דיכטערין זאָגט אַז זי וויל ניט זיין קיין פויגל ווייל ער פּאַרלאָזט די נעסט אין האַרבסט. און זי באַשליסט אַז ס'איז בעסער צו זיין אַ בוים.

איך וויל פאַרוואָרצלט זיין טיף —
כ'וויל פון אַלע מאָל אַ בוים זיין גאָר,
מיינע צווייגן זאָלן רוישן,
גרינען ביז מיינע הונדערט צוואַנציק יאָר —
און אפשר נאָך אַריבער...

מיט איר גאַנצן מהות איז זי צוגעבונדן צום לעבן. אויף איר שפּילעוודיקן אופן טראַכט זי אויס ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דער צייט וואָס הערט ניט אויף צו "גיין", און עס פאַלט איר איין אַז זי וועט אַרויס אין דרויסן כּדי ניט צו הערן דעם זייגער, און זאָל די צייט לאָזן אירע סימנים אין די קאַרבן פון די ווענט.

זי דערציילט פון איר אומעט און איינזאַמקייט. צייטנווייז פילט זי אַז פון טיפער בענקשאַפט ווערט איר לעבן צעשטערט. זי זוכט זיך צו באַפרייען דערפון, און זי מוסרט זיך אַליין:

ס'טאָר אַ שיף ניט שטיין צו לאַנג אין האַפן,
זי מוז כוואַליעס שניידן...

תּמיד פילט זי אַ בענקשאַפט צום ליד. דעם טאָג ווען זי איז ניט שעפעריש, פילט זי זיך ווי פאַרשטומט, און גרויס איז איר פאַרדרוס אויף דעם פאַלאָרענעם טאָג.

כ'הער אין געפייף פון ווינט
ס'געוויין פון מיין טאָג - -

אין איר ליד פילט זי דערהויבונג. מיט איר ליד איז זי גובר איר צער.

אין "ניו יאָרק" שילדערט זי די שטאָט אַ פאַררייכערטע אין ווינטערדיקן קאַיאָר. פון די שיפן און קוימענס, און פון אומעטום שלאָגט דער רויך. אויך דער הימל איז "נידעריק, בייכיק, און פול מיט רויך". דער רויך איז דאָ דער סימבאָל פון דער אומרו און דינאַמיק פון דער גרויסער שטאָט.

טרעפלעך איז דער מעטאַפאָר אין דעם ליד "כוואַליעס", ווו זי פאַרגלייכט די כוואַליעס צו מענטשן. די כוואַליעס וואַנדערן זייט ביי זייט, אָבער טרעפן זיך קיינמאָל ניט.

דער שטילער ניגון פון איר ליבשאַפט צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, דעם באַרימטן דיכטער מאַני לייב, ציט זיך דורך איר גאַנצער דיכטונג. אין אַ פריערדיקן בוך "פאַליטרע" (1964) איז פאַראַן אַ לאַנגער ציקל לידער וואָס רופט זיך: "געזאַנגען צו דיר". די לידער פון ליבשאַפט זענען צווישן די פערל פון איר דיכטונג.

זי האָט אויך ליב צו נוצן דאָס וואָרט "פאַרליבט" - די בלומען זענען "פאַרליבטע נשמות". - "שטיל ווי אַ פאַרליבט וואָרט פאַלט דאָס בלאַט". איר קליין האַרץ, זאָגט זי, ווערט פון ליבשאַפט צו גרויס.

און דאָ, אין די דראַמאַטישע שורות כאַראַקטעריזירט ראַשעל דעם תּוך פון איר לעבן, וואָס איז בלויז חלום און ליבשאַפט.

ס'וועט קומען דער טויט און וועט מיך אויפוועקן פון חלום,
פון לאַנגן, אויסטערלישן שלאָף,
ווו איך לויף אַרום מיט פאַרפלאַמטע באַקן, און טראָג
די ליבשאַפט צווישן מיינע ציין
ווי אַ קאַץ טראָגט אַ קעצל פאַרטשעמעט אין מויל
דורך שטורעם און בליצן...

אין אירע ישראל לידער פרייט זי זיך מיט די קליינע סאַברעס וואָס לויפן אום באָרוועס אויף דער וואַרעמער ישראל ערד. זי שפּיגלט זיך אין די דאָרטיקע וואַסערן וואָס זעען אויס אַזוי אַנדערש אין אירע אויגן. און אַז זי טראַכט פון קומען אַהין, זאָגט זי אַז אויב די "בלויע מאָרגנס" וועלן איר ניט קומען אַנטקעגן, וועט זי אַלץ ניט זיין אַליין.

מיינע בלויע מאָרגנס

כ'וועל קומען אַהין אין מיין לאַנד
מיט די בלויע הימלען,
צו באַגעגענען מיינע בלויע מאָרגנס.
און ס'קען דאָך זיין,
אַז זיי, די בלויע מאָרגנס,
וועלן ניט קומען מיך באַגעגענען — —
זיי וועלן אָן מיר ניט געדענקען.
דעמאָלט וועל איך בלייבן זיצן,
אויף אַן אַלטער באַנק אונטער אַן אַלטן בוים,
געוואָרצלט אין די וויט-ווייטע נעכטנס,
און טראַכטן וועל איך פון
שרה, רבקה, רחל, לאה —
אַז געקומען בין איך אייגנטלעך
צו זיי — —

כאָטש די דיכטערין רעדט דאָ פון זיך אַליין, פילט מען אין דעם וווּנדערלעכן ליד די דורותדיק-הייליקע באַציונג וואָס ייִדן פילן צו זייער לאַנד ישראל.

אירע איבערזעצונגען פון עמילי דיקינסאָנס צוויי לידער זענען עדות אויף דער שטאַרקער קרובישאַפט וואָס זי האָט געפילט צו איר. בכלל מערקט זיך אַז איר שרייבן איז באַווירקט פון דער אַמעריקאַנער דיכטונג.

מיט פאַרטראַכטקייט און תמימות איז אָנגעהויכט ראַשעל וועפּרינסקיס שטאַמיק ליד, און מיט יוגנטלעכער ווייזיע איז עס באַפליגלט.

☆ ☆ ☆

אסתּר סיגאַל

אין אסתּר סיגאַלס ליד שפּיגלט זיך אָפּ איר לעבן, איר אינטעלעקט. מיט צאַרטקייט מאָלט זי אירע אימאַזשן. איר ליד איז שאַרפזיניק. איר שפּראַך איז פּשוט, אָן רמזים; אירע רייד, אירע שורות זענען געציילטע.

באַקאַנט איז זי שוין געווען אַלס טאַלאַנטירטע דיכטערין נאָך איידער איר בוך "לידער" איז דערשינען אין 1928. מערקווירדיק איז דער פאַקט וואָס זי אַליין האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך. אַ גרופּע יוגנטלעכע אין טאָראָנטאָ האט גענומען אויף זיך די גאַנצע אחריות דערפון, און אויך פאַרשפּרייט דאָס בוך.

די קריטיק האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן דערויף. ש. ניגער, קלמן מאַרמאָר, דער דיכטער און עסייִסט ישראל שטערן (שפּעטער אומגעקומען דורך די נאַציס) און אַנדערע, האָבן באַוווּנדערט די אייגנאַרטיקייט פון די לידער.

עס איז אַ שאָד וואָס דאָס איז דאָס איינציקע בוך וואָס איז אַרויס מיט אירע לידער. זיי זענען צעשפּרייט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און מאַנוסקריפּטן.

ווען מען עפנט אויף דאָס בוך און מען לייענט איבער דאָס ערשטע ליד "פריהאַרבסט", קומט אַנטקעגן אַ יוגנטלעכע פרייד. דער גוט באַקאַנטער שרייבער, יעקב באָטאָשאַנסקי, האָט אַ מאָל ציטירט דאָס דאָזיקע ליד אין זיין קאָלום אין דער צייטונג "די פּרעסע". דאָרט זאָגט ער וועגן דער דיכטערין, אַז זי איז אַ באַשיידענע, און אַז איר ליד דערוואַרעמט און דערהויבט. און דאָס איז די אויפגאַבע פון קונסט.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט דאָס גאַנצע בוך איז אָנגעפילט מיט פרייד. עס פעלט ניט דאָ קיין אומעט און אומרו. אָבער דאָס רוב זענען דאָ די ליבע לידער, און די לידער געווידמעט צו איר טאָכטער מאַשעלען. בכלל פילט מען דאָ דעם אַראָמאַט פון פרישקייט און רייפקייט.

יעדעס ליד וויברירט מיט שטימונג. פֿאַרשידנאַרטיק זענען די שטימונגען — טעמפּעראַמענטפֿולע אָדער שפּילעוודיקע, טרויעריקע אָדער פֿאַרבענקטע. אָט דערציילט די דיכטערין פֿון אַ "ווילדער פֿרייד" וואָס האָט זי דורכגענומען. זי פֿילט ווי זי וואָלט אַן אוצר געפֿונען, און זי טראַכט וואָס זי זאָל אַלץ טאָן דערמיט. און אָט זעט זי פֿאַר זיך איר פֿרומע פֿאַרוויינטע מאַמע ווי זי בענטשט ליכט. אויפֿן טיש שטייט אַ קידוש-בעכער שוין 22 יאָר אָן ווײַן און אָן דעם טאַטנס ברכה. (אסתּרס טאַטע, דער סופֿר, איז נפֿטר געוואָרן ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד.)

אַ באַזונדערע נאָענטשאַפֿט האָט זי געפֿילט צו איר ברודער, דעם דיכטער י. י. סיגאַל, מיט וועמען זי האָט געהאַט אַזוי פֿיל געמיינשאַפֿטלעכעס. מיט רירנדיקער בענקשאַפֿט שרײַבט זי וועגן דעם לעצטן מאָל ווען זיי האָבן זיך געזעגנט. איר האָט באַנג געטאָן וואָס זי האָט אים ניט צוריקגערופֿן, גלײַך ווי זי וואָלט שוין דעמאָלט געאַנט וועגן דער געפֿאַר וואָס האָט אויף אים געלויערט.

דאָס לעצטע מאָל ביסטו אַרויס פֿון מײַן הויז,
מיר איז עפּעס אַזוי באַנג געוואָרן.
דײַן טראָט איז געפֿאַלן צום דיל —
טרויעריק, פֿאַרלוירן — שטיל —
איך האָב געוואָלט צוריק דיך רופֿן,
איז ניט געקומען דאָס גוטע וואָרט.

אסתּר האָט אויך געשריבן סאָציאַלע לידער, ווו זי דריקט אויס איר מיטלייד צום געקריוודעטן אַרבעטער. אין אַ ליד געווידמעט צו דער בעקערשער פֿרוי זאָגט זי אַז איר איז ליב איר בייזער פּנים און אַז זי הערט ווי איר האַרץ וויינט.

כאָטש איר אייגן לעבן איז געווען אַן אָרעמס, האָט זי זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט דערויף. איר האָט אָבער וויי געטאָן אויף איר מאַנס (דער דיכטער א. ש. שקאָלניקאָוו) אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

מיט כּישוף פֿאַרוועבט זי איר לעבן. איר מאַן, דער בעקער, ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּרינץ. נאָר יעדע נאַכט מוז ער

אויסטאָן זיינע קעניגלעכע קליידער און דעם ״יום-טוב פון זיינע אויגן״ און אַוועק אַרבעטן אין אַ קעלער-שטוב ביי אַ הייסן אויוון.

ביי דעם אָנגעהייצטן אויוון
בריט ער און צעברענט די הענט.
און דאָס פייער גרויסט זיך, רייצט זיך:
דאָ ווערן דיינע נעכט פאַרברענט...

עפּעס גאָר גרויסעס געשעט אין איר לעבן ווען איר מאַשעלע ווערט געבוירן. זי פילט ווי אַ נס וואָלט איר געשען, און זי קוועלט אָן נאָכקוקנדיג ווי זי אַנטוויקלט זיך. זי עפנט אויף דאָס פענצטער צו ווייזן דאָס קינד, איר גליק, כדי דערמיט צו דערפרייען די טרויעריקע און עלנטע וואָס גייען פאַרביי.

אָנגעפילט מיט אַ שלל פון בילדערישקייט איז דאָס ליד ״אין דיינע יונגע אויגן״, ווו זי שרייבט אַז אין איר טאָכטערס אויגן זעט זי ווידער איר פאַרגאַנגענע יוגנט. דאָס ליד איז צוערשט געווען אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאל ״מאָנטרעאָלער העפטן״. שפּעטער האָט דער דיכטער בעריש וויינשטיין עס אַריינגענומען אין איינעם פון זיינע קליינע יערלעכע אַנטאָלאָגיעס ״אָפּקלייב״.

אין דיינע יונגע אויגן

אין דיינע יונגע אויגן
שטיפן אַרום די פייערלעך
פון מיינע ווייטע טעג —
מאַך נישט צו דיינע אויגן,
לעש נישט אויס דעם ציטער
פון מיין יונגקייט.

... לאָז דעם טויער אָפן
צו מיין רייך פון יונגקייט,
לעש נישט אויס דאָס טליען
פון מיינע ווייטע טעג!

ווען איר טאָכטער וואַקסט אויס און באַשליסט אַוועקצופאָרן אַלס חלוצה קיין ישראל, פאַראורזאַכט דאָס אַ גרויסן איבערברוך אין איר לעבן. אויך פאַר מאַשען איז שווער זיך

צו שיידן. "מיט קלוגע געמאָסטענע טריט", וואָס ווילן פאַרטרייבן די זאָרגן, פאַרלאָזט זי די שטוב", שרייבט אסתר.

פון דאַן אָן איז די דיכטערין כסדר אומרויִק. צייטנווייז, אין איר ליד, שרייבט זי מאַשען בריוו, און מיר לייענען אויך מאַשעס ענטפער צו איר. עטלעכע מאָל פאָרט זי קיין ישראל, אַהין און צוריק.

זייענדיק דאָרט, לעבט זי דורך פחד און אויך שטאָלץ זעענדיק ווי איר מאַשע גרייט זיך מיט גבורה צו דער הייליקער פליכט פון שמירה.

פאַרכּישופט פון דער שיינקייט פונעם לאַנד, שרייבט זי ליכטיקע לידער מיט אַ ברייטער פּאַנאָראַמע, ווו זי גיט איבער די מוטיקע שטימונג פונעם ישראל מענטשן.

דאָס לאַנד איז ליב און קליין

דאָס לאַנד איז ליב און קליין,
די הויכע הימלען שמייכלען בלוי,
דאָס לאַנד איז שיין.

דער טאָג עפנט אויף זיינע אויגן
מיט מאַמעשע וואַרעמע פינגער.
אין פייערדיק גאָלדענע שיכלעך
שפּאַנט די זון אין אַ רונדן בויגן.
די אייניקלעך פּאַשן די ציגן,
די טאָכטער שפּאַנט איין דאָס פערדל
און רופט די ציגן מיט יידישע נעמען:
פנינה, פייגע און פערל.

איך זוך אַ ביימל — אַ שאָטן
עס זאָל פון דער היץ מיך פאַרשטעלן.
עס וועלן נאָך וואַקסן דאָ ביימער,
לאַכן מיך אויס די קינדער
און די אייניקלעך קוועלן, קוועלן!

אסתר סיגאַלס ליד איז רייך מיט פאַנטאַסטיק און שווּנג. זי שרייבט אָפּט אין גראַמען כּדי איר ליד זאָל זיין מעלאָדיש. זי ברעכט אָבער אָפּ די צאַמען ווען זיי פאַרשטעלן איר דעם וועג צום פרייען אויסדרוק. איר דיכטונג איז קערנדיק און אָנרעגנדיק. עס באַרייכערט אונדז עמאָציאָנעל און עס אַנטפּלעקט פאַר אונדז אירע אָריגינעלע געדאַנקען. מיט איר פּשטות און דערמיט וואָס זי באַקענט דעם לייענער מיט איר לעבן, שאַפט זי צווישן אים און זיך אַזאַ ליבע נאָענטשאַפט.

☆☆☆

מירל ערדבערג-שאַטאַן

מירל ערדבערג-שאַטאַן איז איינע פון אַ צאָל דיכטערינס מיט וועלכער אונדזער שטאָט מאָנטרעאָל איז געבענטשט. פאַרשידנאַרטיק איז איר טעמאַטיק. עס איז ניט נאָר יחידיש. אַ גרויסער טייל דערפון איז אַקטועל — אַן אָפּקלאַנג פון אונדזער צייט. יעדעס ליד, פילט מען, איז ווי אַ טיפע איבערלעבונג ביי איר.

זי איז געבוירן געוואָרן אין קוטנע, פּוילן. זי האָט באַקומען סיי אַ ייִדישע און סיי אַ וועלטלעכע דערציִונג. נאָך דעם ווי זי האָט געענדיקט אַ לערער סעמינאַר, איז זי געוואָרן אַ קינדערגאָרטן לערערין.

איר טאַטע, דער יודע ספר, איז געווען אַ משׂכּיל, אַן "אַלט-נייער ייִד". און פאַרטיפט האָט ער זיך אין די ספרים פון די גרויסע תּלמודיסטן. אָבער ער איז אויך געווען פאַראינטערעסירט אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור.

איר פרומע מאַמע, "דאָס ליכטיקע געשטאַלט", האָט געלייענט ניט נאָר די תּחינה, נאָר אויך פּרץ און פרוג. אינטערעסאַנט איז וואָס די דיכטערין אַליין דערציילט, אַז אַזוי ווי ביי זיי אין שטוב האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך ייִדישע ביכער,

און אין שטאָט האָט זיך נישט געפונען קיין ביבליאָטעק, האָבן זיי געעפנט די ערשטע ביבליאָטעק ביי זיך אין דער היים. יעדערער האָט געקענט באָרגן אַ בוך פאַר אַ גראָשן אַ וואָך. און די מאַמע, וואָס איז געווען באַקאַנט מיט אַלע ביכער, האָט יעדערן געעצהט וואָס אויסצוקלייבן. מיט דער צייט איז געגרינדעט געוואָרן אַ גרעסערע ביבליאָטעק, און זיי האָבן אַהין אַוועקגעשאָנקען די ביכער.

מירל שאַטאַנס ערשטער בוך, געבונדן אין שוואַרצע טאָוולען, מיט דעם נאָמען "ניט פון קיין פרייד" (אַרויסגעגעבן אין 1950) באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס פון חורבן-דיכטונג. די דאַטעס פון די לידער זענען פאַרשידן. פאַראַן אפילו אַ ליד דאַטירט 1917.

אין קרעפּטיקע, אויסדרוקספולע שורות זענען געשריבן די חורבן-לידער. דער טיפער טרויער וואָס דער חורבן האָט פאַרשאַפט, זאָגט די דיכטערין, איז אַ טייל פון אַ לאַנגער קייט פון ליידן וואָס דורות יידן האָבן מיטגעמאַכט. איר ווייזט זיך אויס אַז אומעטום זעט מען נאָך שפורן פון די אומגעקומענע.

אויף יעדן בלאַט
זע איך דיין לעצטן ציטער.
אויף יעדן גרעזל דעם שפּור
פון דיינע לעצטע טריט.
אויף יעדן טראָפּן טוי
דיין לעצטע טרער.

דין און סענסיטיוו זענען די קורצע שורות.

אַ באַזונדערע בענקשאַפט פילט זי צו איר היימשטאָט וואָס איז געווען "פול ווי אַ מילגרוים" מיט יידן. אָבער ווי פוסט און ליידיק עס איז געבליבן. —

אָן בערל דעם טרעגער, אָן יאַנקל דעם שמיד,
אָן יידישע קראָמען, אָן זשעליכאָווס מיל,
אַן גרופּקעלער יידן פאַרנאַכט אַרום מיל...

און אַזוי לעבט די דיכטערין צוריק אויף די אַמאָליקע, היימישע אַטמאָספער פון שטעטל, וואָס איז איר אַזוי נאָענט און ליב.

צווישן דעם ערשטן בוך און דעם צווייטן, - מיט דעם נאמען "רעגנבויגן", גײַדויערט אַ לאַנגער צייט אָפּשניט. דערשינען איז עס אין 1975.

אין דעם בוך גיט זי אַן אָפּקלייב פון אַלץ וואָס זי האָט געשאַפן ביז איצט. עס איז פאַרזען מיט אַ פיינער הילע צייכנונג, און אויך אַ הקדמה פון איר זון חיים. דאָ גייען אַריין אחוץ לידער אינטערעסאַנטע עסייען, דערציילונגען און זכרונות. אויך אַ קאַפּיטל זכרונות פון איר מאַן משה יחיאל, פון זיינע בונדישע יאָרן, איז דאָ איבערגעגעבן פון איר זון. מיר וועלן זיך אָבער דער עיקר אָפּשטעלן אויף איר פּאָעזיע.

אין דעם העלן בוך מיט דעם אָפּטימיסטישן נאָמען "רעגנבויגן", איז די טעמאַטיק אַ ברייטערע. דאָמינירנדיק איז דאָ דער סאָציאַלער מאָטיוו. די דיכטערין זאָגט אַז זי וועט קיין מאָל ניט זינגען פון קיין פרייד כל זמן די וועלט וועט ניט ווערן באַפרייט פון הונגער און מלחמה.

אינעם אָריגינעלן און מעלאָדישן וויגליד "זשום" בעט זי דאָס קינד ניט איינצושלאָפן. עס רוישט דער עראָפּלאַן. באַלד וועט קומען דער שונא, און זיי וועלן מוזן ווייטער וואַנדערן. ניט מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען איז דער טאַטע אַוועק האַנדלען, נאָר מיטן שונא אין אַ שלאַכט, זאָגט זי אים.

פון באַזונדערן פּאָעטישן ווערט איז דאָס ליד "סיינט דזשאָזעף בולוואַרד", ווו זי דערציילט פון אַ גאַס וואָס איז אין גאַנצן פאַרענדערט געוואָרן דערפאַר ווייל מען האָט אויסגעהאַקט פיר רייען גערדיכט באַצווייגטע און באַבלעטערטע ביימער. ווי טרעפלעך זי פאַרגלייכט די גאַס צו "אַן אָפענער שטוב אָן פענסטער, אָן טיר".

זי איז גליקלעך וואָס זי געפינט זיך אינעם ריזיקן לאַנד פון שפע, און זי פילט זיך דאַנקבאַר צו איר. אָבער מיט ביטערן

סאַרקאַזם טאַדלט זי איר ווייל זי האָט די טויערן "פעסט פאַרזיגלט" און ניט אריינגעלאָזט די אומגליקלעכע.

אָנגעפילט מיט אומרו און בענקשאַפט איז איר ליד. נאָר עס זענען אויך פאַראַן ליכטיקע מאָמענטן. דער אויפבוי אין ישראל רופט אַרויס ביי איר פרייד. און אוודאי פרייט זי זיך מיט איר אייגענער משפּחה. זי שטעלט זיי דאָ פאָר אין בוך יעדן מיט זיין טאַלאַנט.

וועגן איר ליד זאָגט זי אַז עס איז דער ליכט-טורעם אין איר לעבן. מיט פאַרדרוס טראַכט זי וועגן "ניט געזונגענע" לידער וואָס זי האָט פאַרפעלט צו שרייבן. עס ווייזט זיך איר אויס אַז זי האָט נאָך אַלץ ניט געשאַפן דאָס אמת קינסטלערישע ליד, און זי פרעגט:

ווען וועל איך שניידן די זריעה,
און ווייניק געבליבן איז צייט.
... און ווען וועל איך דאָס ברויט פאַרטיילן
אַז עס וועט שוין צום עסן זיין גרייט.
ווער וועט דען דער היטער זיין,
אַז מיין מי זאָל לאיבוד ניט גיין?

דאָ, אין דעם ליד מיט די איידעלע מעטאַפאָרן, דריקט די דיכטערין אויך אויס די זאָרג וועגן דער אָפּגעפרעמדקייט פון די נייע דורות צו יידישער קולטור.

איר דיכטונג צייכנט זיך אויס מיט פיינעם אינהאַלט, ריטעם, און שפּראַך. אין דעם קליינעם תּפילהדיקן ליד בעט זי דעם באַשעפער אַז ער זאָל איר געבן די פרייד פון גלויבן. —

ווי לאַנג עס איז מיר נאָך באַשערט
צו שפּאַנען אויף דער ערד,
ברויט צו עסן, וואַסער טרינקען,
לאָז מיך ניט אין עצבות זינקען.

גיב מיר, באַשעפער, די פרייד פון גלויבן,
אַז מענטש וועט זיך צו מענטש דערהויבן,
און איך וועל נאָך מיט מיינע אויגן
זען דאָס ליכט פון רעגנבויגן.

מירל שאַטאַנס פּאָעזיע איז אַ וויכטיקער צושטייער צו אונדזער דיכטונג.

☆ ☆ ☆

מרים אולינאָווער

מרים אולינאָווער איז געווען אַ באַוווסטע דיכטערין אין פּאַר-מלחמה׳דיקן פּוילן. ווען ס׳איז אַרויס איר בוך "דער באָבעס אוצר" אין 1922, האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם. דוד פרישמאַן האָט דאַן געשריבן אַ באַגייסטערטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם.

אַנדערש איז די טעמאַטיק אין מרים אולינאָווערס דיכטונג. דאָ שילדערט זי ניט אירע שטימונגען אָדער איבערלעבונגען ווי דיכטער זענען זיך געוויינלעך נוהג. דער אַקצענט איז ניט אויפן פּערזענלעכן מאָמענט. ייִדישע טראַדיציע און פאָלקלאָר פאַרנעמען דאָ דעם אויבנאָן. דער באָבעס אוצר איז דער באָבעס ירושה פון פאָלקס-מעשיות, ווערטלעך און שפּרוכן. דאָס אַלץ איז געשריבן אין אַלטן ייִדיש-לשון, און עס לייענט זיך ווי עברי-טייטש. עס איז געשריבן אין פאָלקסטאָן, און רופט אַרויס א וואַרעמקייט און אַ נאָענטשאַפט.

אין 1975 איז אַרויס אַ צווייטע אויסגאַבע פונעם זעלבן בוך אין ירושלים מיט אַ פאַקסימיליע פונעם טאָוועל פון דער ערשטער אויסגאַבע. דאָס בוך איז אויך פאַרזען מיט דער דיכטערינס בילד פון איר געטאָ-לעגיטימאַציע. די צווייטע אויסגאַבע פאַרהיט דאָס בוך פון פאַרלוירן גיין.

צוויי עסייען, פון דוד פרישמאַן און דב סדן אין העברעיִש זענען די הקדמות צום בוך. אויף איין העלפט פון יעדער זייט

זענען אָפּגעדרוקט די לידער אין אָריגינאַל, און אויף דער צווייטער העלפט, די איבערזעצונג אין העברעיִש. דער אויסלייג אין דער דיכטונג איז ניט מאָדערן, מן הסתם כּדי עס זאָל האָבן וואָס מער דעם טעם פונעם אַלטן טייטש-חומש.

עס איז אַ שאָד וואָס עס זענען דאָ אַזוי ווייניק ביאָגראַפישע ידיעות וועגן מרים אולינאָווער. זי איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש אין 1890, ביי חסידישע עלטערן, און האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. אָבער גאַנץ פרי איז זי געבליבן אַ יתומה, און איז דערצויגן געוואָרן ביי זיידע-באָבען. אַזוי גרויס איז געווען די השפּעה פון דער באָבען איבער איר, אַז זי איז געבליבן פרום איר גאַנץ לעבן, און אפילו געטראָגן א שייטל.

אַזוי סובטיל ווי מרים אולינאָווער איז געווען אין איר דיכטונג, איז זי אויך געווען צו אירע מיטמענטשן. זי איז געווען זייער באַשיידן, און זיך ניט איבערגענומען מיט איר גרויסן דערפאָלג. אונדזער בן-עיר, דער פיינער דיכטער און לעקסיקאָגראַף, חיים לייב פוקס, דערציילט וועגן איר אַז איר שטוב איז תּמיד געווען אָפן פאַר שרייבערס. דאָס דערמאָנט אין די דיכטערינס אײדע מאַזע און בערטע קלינג, וואָס האָבן אויך תּמיד אויפגענומען שרייבערס ביי זיך אין שטוב. באַזונדערס האָט זי דערמוטיקט די יונגע דיכטער, אפילו אָנפאַנגער.

אויך אין דער געטאָ איז זי געווען די אָנפירערין פון א שרייבער-גרופּע. זי איז כּסדר געווען שעפעריש, און אויך צוגעגרייט צום דרוק איין בוך אויף חומש און שבת-יום-טוב מאָטיוון, און דאָס צווייטע, געבויט אויף כּעלעמער מעשיות. אויף איר לעצטן גאַנג האָט זי צוזאַמען מיט אַ פּעקל חפצים, אויך, לידער, מיטגענומען אירע שאַפונגען.

דאָ אין די שורות, פילט מען דער דיכטערינס בענקשאַפט נאָך דער באָבען:

פוטערן-ברויט

ווען פוטערן-ברויט פאַלט אויף דער ערד אַראָפּ
דאָ נעמט זיך צעשאָקלען דער באָבעשיס קאָפּ:
— אַ סימן, מיין לעבן, אַ סימן, מיין קינד,
דער חתן איז ערגעץ ווו הונגעריק אַצינד.

אָ, ווידער זעהן וואָלט איך דער
באָבעשיס קאָפּ
זיך שאָקלען, ווען פוטערן-ברויט
פאַלט מיר אַראָפּ,
דער באָבעשיס חנ׳דעל, אין שטערן
דעם קנייטש,
צו הערן דעם ליבען, דעם היימישן טייטש!

די באָבע האָט געלערנט דער קליינער מרימען גוטע מידות, און אויך אָפּצוהיטן די יידישע מנהגים. דורך אירע פאָלקס-מעשיות האָט זי איר געלערנט ווי זיך צו פירן.

די באָבע האָט ליב געהאַט זיך צו באַניצן מיט פאָלקס-ווערטלער:

״ווער עס פוילט זיך פלעכטן חלות, פלעכטן וועט א גרויסן צאָפּ.״ אָדער: ״ווער עס ווענדט זיך אָפּ פון קערן, קערט פון איהם דער שדכן אָפּ!״.

מיט איר צערטלעכקייט האָט די קלוגע באָבע צוגעבונדן דאָס אייניקל צו זיך. מיט מילדקייט און צערטלעכקייט זענען באַהויכט די לידער. אָבער עס הויערט איבער זיי דער טרויער. פון צייט צו צייט דערמאָנט די דיכטערין אירע עלטערן ווענען זי האָט פאַרלוירן נאָך אַלס קינד. זי האָט טענות צו דער באָבען ווייל זי האָט איר צוגעזאָגט אַז אויב זי וועט העלפן דער מאַמען, וועט די מאַמע לעבן לאַנג. אָבער כאָטש זי איז געווען געטריי צו דער מאַמען, איז זי דאָך אַזוי פרי אַוועק.

אויף אַלץ האָט די באָבע געהאַט עצות און סגולות. שפּעטער, צוריקטראַכטענדיג וועגן דעם, פרעגט די דיכטערין:

אפשר האָסטו, באָבע מיינע,
אין דיין מחזור סגולות מעהר?
טאָמער קאָנסטו ס'אויג פאַרהיטן
פון אַ גרויסער הייסער טרעהר?

אַ ווונדערלעכן חלום האָט די באָבע געהאָט. "קינד-לעב" איז געגאַנגען מיט די חברטעס קלייבן ניס. יעדעס מיידל האָט געזוכט אַ פּרוכט אין וועלכן עס ליגן צוויי ניסלעך אין אַ "שותּפות-שאָל". די מזלדיקע האָט געקענט דערוואַרטן איר באַשערטן צום יאָר. אַ נס איז געשען, און "קינד-לעב" האָט געפונען די פּרוכט מיט די צוויי ניס.

דערציילנדיק איר חלום, ווערט די באָבע זייער באַרעדעוודיק. זי איז אויסער זיך פאַר פרייד. עס פינקלט איר אַזש פאַר די אויגן. אַזוי גרויס איז דער באָבעס שמחה, אַז זי פרייט זיך מיט זיך אַליין. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער שטריך.

די זעלבע כאַראַקטעריסטיק פון זעלבסט-ליבע, נאַרסיציזם, מערקט זיך אויך אין פאַרחלומטן ליד "אסתּר המלכּה", ווו די דיכטערין שטעלט זיך פאָר אַז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער שיינער מלכּה, און זי אַליין באַוווּנדערט איר שיינקייט. אָבער נאָך אַ וויכטיקער אַטריבוט פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע ליד. עס איבעראַשט דערמיט וואָס עס געהערט אין גאַנצן צו אַן אַנדערן זשאַנער. להיפּוך צו די אַנדערע לידער, איז עס פערזענלעך און שטימונגספול. בילדעריש און שפּילעוודיק איז דאָ איר לשון. ניט נאָר זי אַליין, יעדעס וואָרט איז דאָ פאַרכּישופט.

— ס'פאַלבט מיין סיצן-קליידל
זיך אַהער-אַהין —
ס'ווערט דערפון אַנ'עכטער
ברייטער קאַרמאַזין...
און כ'בליה-אויף אין שענקייט,
און מיין חלום אויך,
מלכּה בין איך, מלכּה!
און פאַר מיינס אַ הויך...

גיט אַוועק דער מלך
איצט אַ האַלבן לאַנד...

דראַמאַטיש איז דער מאָמענט ווען די באָבע ווערט נפטר. הגם די דיכטערין איז פול מיט צער, פילט זי אַז דער מוצאי-שבת טאָר ניט פאַרשטערט ווערן. דאָס וואָלט געווען קעגן דער באָבעס ווונטש, וואָס איז געווען אָפּצוטרייסלען די דאגות צו דער פולער וואָך, כּדי די גאַנצע וואָך זאָל זיין אַ געבענטשטע. מיט איינגעהאַלטענעם געוויין רופט זי אויס:

גוט וואָך!
... כ׳שטעל זיך דיר אַקעגן,
ווי די באָבע הייסט,
מיט אַ פרייען, העלן פּנים,
ליכטיג, אויסגעלייזט!

אַ באַזונדערע דערהויבונג פילט זי אינעם שבת. עס איז איינגעהילט אין שיינקייט און לעגענדע. דערפרישנדיק ווי אַ פרילינג-ווינט איז דאָס ליד "פרילינג-שבתים". זוניק און שלווהדיק איז דאָ די אַטמאָספער. באַזונדערס סענסיטיוו זענען די לעצטע צוויי שורות.

פרילינג-שבתים

עס קומט פון גן-עדן צו פליהען
אַ זיס, אַ מחיה׳דיג ווינטעל ...
הויב אונטער די הענד פאַר די אויגען,
בענטש, באָבעשי, אונזער געזינדל!

קום רוהיג אַרויס אויפן גאַנעק,
הער זיידעשי, אויף זיך צו פעלצן, —
דער ווינד האָט היינט מורא צו בלאָזען,
די שבת-ליכט זאָלען נישט שמעלצן.

איינדרוקספול איז דאָס ליד "טשאָלענט-גאַנג". די בעל-הביתטעס גייען אַרויס פון דער בעקעריי מיט אָנגעפילטע טעפּ מיט טשאָלנט. מיט איר פּאָעטישער פאַנטאַסטיק ווייזט זיך דער דיכטערין אויס אַז דער גאַנצער אויוון שפּאַצירט אַרויס אין דרויסן.

ס'איז פֿאַראַן אויך אין בוך אַ ציקל פֿאָלקלאָריזירטע לידער, "כלה-יאָהרען", וואָס דריקן אויס בענקשאַפֿט און צומאָל אויך אַנטוישונג אין ליבע. די לידער זענען מעלאָדיש און פֿול מיט אימפּעט.

... כ'האָב זיי וויסן, מיין באַשערטן
כל-טוב אָנגעגרייט —
(לאַך איך דיר אַריין אין פּנים
מיט אַ וויסטער פֿרייד.)
אוי, דער יום-טוב ס'אַר אַ גרויסער!
אוי, די געסט אָהן צאָל!
טייער, זאָג איך דיר, געווען
איז דאָס חתן-מאָל!...

איינס נאָר איינס מוז איך דיר פֿאַרשווייגן:
אַך, מיין האַרצענס-פּיין,
וואָס נישט דו, נישט דו געווען
ביסט דער חתן מיין!

אויפֿפֿאַליק איז דער פֿאַקט וואָס דאָס בוך שליסט זיך מיט אַ הזכרה-ליד צו די עלטערן. די דיכטערין איז זיי מזכיר, און זי פֿאַרבעט זיי צו איר חופּה מיט אַ "געגליוועט וועהטאָג". טרעפֿלעך איז דאָ דאָס וואָרט "געגליוועט". כמעט איר גאַנץ לעבן איז מרים אולינאָווער געווען אַ יתומה.

פֿאָלקאָם און אויסגעפֿאַרטיקט איז מרים אולינאָווערס ליד. עס איז קענטיק אַז זי האָט אַ סך געאַרבעט איבער דעם. עס איז דורכגענומען מיט דער קדושה פֿונעם פֿרומען שטייגער לעבן.

מיט איר פֿאָלקסטאָן, אירע פֿאָלקס-מעשיות, און ווערטלעך, און מיט איר אַלטן, היימישן תּחינה-לשון, איז זי איינציק אין דער יידישער דיכטונג. עס פֿעלן שטאַרק אויס אירע שאַפֿונגען וואָס זי האָט אַזוי התמדהדיק צוגעגרייט, און וואָס האָבן געטיילט מיט איר דעם זעלבן טרויעריקן סוף.

☆ ☆ ☆

בערטע קלינג

צערפול איז בערטע קלינגס דיכטונג. עס פּאַרגייט זיך אין געבעט. מען פילט דאָ דעם יאָך און די זאָרג וואָס דאָס לעבן לייגט אַרויף אויפן מענטשן, בפרט נאָך אויף אַ מאַמען.

די דיכטערין באַהאַלט זיך ניט הינטער מיסטפּאַרשטענדנישן אָדער באַזונדערע עפעקטן. אירע לידער זענען פּשוט און קלאָר און פריי פון קינסטלעכע גראַמען. כאַראַקטעריסטיש איז דער נאָמען וואָס עס טראָגט איינס פון אירע דריי ביכלעך: "ווי איך שטיי און גיי".

מיט פּאַטאָס ווערן אָנגעפילט אירע שורות ווען זי טראַכט וועגן די געפאַרן צו וועלכע אירע קינדער קענען זיין אויסגעשטעלט. מיט איר מאַמעשער גבורה פילט זי אַז זי קען זיי פון אַלץ באַשיצן. מיט אירע הענט קען זי נסים באַווייזן.

מיט מיינע הענט
קען איך אויפהאַלטן
פאַלנדיקע ווענט;
רוישנדיקע ימען
קען איך מיט זיי צאַמען.

ווען איר פאַלט איין אַז אפשר וועט איר קינד באַשערט זיין צו לעבן אַן אומצופרידענעם לעבן, פרעגט זי קלוג:

ווי וועל איך נעמען נאָך אַ לעבן
איך זאָל דיר עס קענען געבן?

בערטע דערמאָנט אָפט אירע עלטערן. זי האָט פאַרדרוס וואָס זי קען ניט ממשיך זיין זייער טראַדיציאָנעלן שטייגער לעבן, און וואָס פאַר אירע קינדער איז דער דאָזיקער שטייגער אין גאַנצן פרעמד. "איך בין דער איבערגעריסענער רינג", זאָגט זי צו איר מאַמען, "צווישן דיר און מיין קינד".

אין אירע תּפילה-לידער בעט זי דעם באַשעפער אַז ער זאָל איר שענקען פרייד. זי ברענגט דאָ צום אויסדרוק ניט נאָר איר רעליגיאָזיטעט, נאָר אויך איר מיטלייד מיטן נויט-באַדערפטיקן.

עס זאָל די שעה ניט זיין
אַז אַ נאָענטער
זאָל מיר נישט פאַרטרויען זיין נויט
דאַן ווען אויף מיין טיש ליגט ברויט.

בערטע און איר מאַן, דר. יחיאל קלינג, זענען באַוווּסט געווען פאַר דער ממש לעגענדאַרישער גאַסטפריינדלעכקייט וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַלע זייערע יאָרן. אַ צאָל שרייבער דערמאָנען זיי דערפאַר מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט אין זייערע זכרונות..

אין דעם תּפילה-ליד דערציילט אונדז די דיכטערין אַליין וועגן דער פיינער כאַראַקטעריסטיק אירער —

אַז איך ווייס ניט דעם וועג
דיינע וועגן צו גיין,
טאָ לאָז מיין געצעלט
ביים ברעג אַזוי שטיין,
און אַלע וואָס ווערן פאַרמאַטערט פון גיין
וועלן אַ שיין
אין מיין פענצטער דערזען.
די טיר וועט זיין אָפן —
שיק זיי אַריין
זיך אָפּרוען
און מיך דערפרייען
מיט זייער זיין.

מיט בייסיקן סאַרקאַזם דריקט זי אויס איר פּראָטעסט קעגן מלחמה. נאָך טיפער איז געווען איר ווייטיק ווייל איר אייגענער זון איז געווען אין קריג.

בערטע אַנטפּלעקט פאַר אונדז געוויסע אמתן וואָס ווייזן אַז זי איז אַ דיכטערין וואָס טראַכט טיף. עס איז דאָ חכמה אין איר ליד ווען זי בעט גאָט אַז ער זאָל איר געבן כּוח צו קענען פאַלן, אָדער ווען זי זאָגט אַז זי פילט מיט יעדנס טרויער און פרייד, אָבער צום שטאַרקסטן פילט זי דאָס דורך ווען עס איז איר אייגענע איבערלעבונג.

מען פילט אז דער טרויער גייט איר נאָך ווי אַ שאָטן. איר דיכטונג איז אָנגעפילט מיט אומעט און אומרו, און אויך מיט ליכטיקע וויזיע. ווי אַ דיכטערין וועבט זי איר חלום, און זי אַליין ווערט פאַרכּישופט דערפון.

איך האָב דיך קיין מאָל ניט געזען,
נאָר אויב מיר איז באַשערט
וועל איך אין דיין ערשטן בליק
וויסן אַז אויף דיר האָב איך געוואַרט.
פון דיין האַנט ביים ערשטן ריר
וועל איך זיך עפענען פאַר דיר
און הערן וועסטו רייד
אַזעלכע וואָס ניט איך
און ניט קיינער ביז דיר
האָט געהערט פון מיר.
ווי אַ זון וועל איך אויפגיין
פאַר זיך אַליין
ווען איך וועל דיך דערזען...

שטילקייט און רו זענען נאָענט צו איר געמיט. אין איר שאַפונג געפינט מען אַזעלכע אויסדרוקן ווי "שווייגנדיקע רייד", אָדער אַ "פאַרשוויגענער געשריי". זי גלויבט אַז צייטנווייז איז שווייגן אַ סימן פון איידלקייט און חכמה. און ווי ריכטיק זענען אירע רייד ווען זי זאָגט אַז "שיינע רייד קענען אַלץ פאַרשענערן".

מען פילט אַ דינקייט און אַ פּאָעטישע סענסיטיווקייט אין אירע שורות ווען זי זאָגט אַז הענט "פאַרשעמען" זיך, אָדער אַז שורות "בענקען" נאָך דער האַנט וואָס האָט זיי געשריבן.

אירע וויג-לידער פאַרמאָגן קינדערשע פאַנטאַזיע. דאָ זעט מען ווי די דיכטערין ווערט אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ קינד מיט איר קינדעריש לשון.

מיט שפּילעוודיקייט און חן שיינען אַרויס אירע פּאָלקס-מאָטיוון. דאָ דאַכט זיך ממש אַז עס האָט זיך איר פאַרוואָלט אומטאַנצן און פאַרגעסן אין איר אומעט און זאָרגן.

בערטע קלינגס ליד איז קורץ. זי "רעדט" ווייניק, אָבער זי

זאָגט אַ סך. זי איז אייגנאַרטיק און טיפזיניק. די דיכטערין דערציילט אויפריכטיק און פשוט וועגן איר אייגן לעבן, און מיר פילן אין אַ גרויסער מאָס אַז דאָ שפּיגלט זיך אָפּ אויך אונדזער לעבן.

פאַרבענקט און סענסיטיוו איז בערטע קלינגס ליד און אָנגעהויכט מיט שטילן פרומען גלויבן.

☆ ☆ ☆

חנה שטיינבערג

כאָטש די דיכטערין חנה שטיינבערג איז געווען אַזוי באַגאַבט, האָט זי זיך זייער ווייניק געדרוקט. לויט ווי איידע מאַזע דערציילט אין איר הקדמה צו איר בוך, איז זי ניט געווען גענוג דרייסט אַרומצושיקן אירע לידער אין רעדאַקציעס. אירע ערשטע לידער האָט זי געדרוקט אין דער געוועזענער היגער צייטונג דער "קענעדער אָדלער", און שפּעטער אין די לאָקאַלע זשורנאַלן וואָס די שרייבער דאָ אין מאָנטרעאָל, האָבן אַרויסגעגעבן. אָבער די עטלעכע לידער האָבן שוין דאַן געמאַכט אַ רושם.

חנה שטיינבערג איז געבוירן געוואָרן אין דער רוסיש-אוקראַינישער שטאָט קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק, ווו זי האָט באַקומען איר דערציִונג אין אַ ייִדיש-רוסישער גימנאַזיע. איר לעבן איז געווען אַ קורצעס און אַן אָנגעשטרענגטס. זי האָט אין גאַנצן געלעבט זעקס און פערציק יאָר.

נאָך איר טויט, אין 1942, האָט איר מאַן אַרויסגעגעבן איר בוך מיטן נאָמען "בלעטער אין ווינט." מיט געטריישאַפט האָט די דיכטערין איידע מאַזע צונויפגעקליבן אירע לידער וואָס זי האָט געפונען אויף שטיקלעך פּאַפּיר. זי האָט די לידער אויסגעשטעלט כראָנאָלאָגיש, און אויך צוגעגעבן אַן אינפאָרמאַטיווע און קריטישע הקדמה.

אין איר יוגנט האָט חנה שטיינבערג געשטרעבט צו ווערן אַ זינגערין אָדער אַ שוישפּילערין. אָבער זי האָט דאָס ניט געקענט פאַרווירקלעכן צוליב די שווערע אומשטענדן אין וועלכע איר איז אויסגעקומען צו לעבן.

חנה שטיינבערג איז טאַקע ניט געוואָרן קיין זינגערין, אָבער דערפאַר זינגט זי אויף אין איר ליד. מיט איר גאַנצן וועזן ציט איר צו געזאַנג.

מיינע פינגער — דינע פידלען
אייביק דרימלען אין זיי קלאַנגען —
ווי אין שטייג אַ יונגער פויגל
ליגן זיי אין מיר געפאַנגען.

עס ווייזט זיך איר אויס אַז דערפאַר וואָס זי איז אומרויִק, לעבט אַלצדינג אַרום איר דורך דעם זעלבן אומרו.

עס ברומט דער וואַלד,
עס וואָיעט דער ווינט,
עס וויל דער ים ניט רוען
ווייל מיין האַרץ איז קראַנק

ווי שטאַרק זי בענקט נאָך פרייד, און צום סוף, ווען עס איבערראַשט איר און עס קומט, ציטערט זי איבער דעם וווּנדערלעכן געשאַנק. תּפילהדיק זענען די ווערטער:

גוטע פרייד,
דיין פולע האַנט מיט גאָב איז איבער מיר,
איך שטרעק מיינע ציטערדיקע פינגער
נאָך דיין געשאַנק.

דאָס אינטימסטע אין איר לעבן איז איר ליד, און זי נערט עס "מיט בלוט און טרערן." דאָ געפינט זי אַ תּיקון, אַן אויסדרוק צו אירע שטימונגען. קליין און ריטמיש איז איר ליד. עס פאַרמאָגט וויזיע און שווּנג.

גיי איך אַזוי
דורך דער נאַכט דער בלינדער,
קומסטו מיר פאָר
ווי אַ ליכטיקער וווּנדער.

קומט מיר פאָר
ווי אַ זוניקער בויגן
וואָלט איבער מיר
זיינע שטראַלן פאַרצויגן.

איר פּאָעזיע איז שטיל און לויטער, ווי זי אַליין איז געווען. זי האָט געשריבן ווייניק נאַטור לידער, אָבער פון דער נאַטור שעפּט זי אירע אימאַזשן. פון אַ באַזונדערן אַראָמאַט זענען איר ליבע לידער. זיי זענען על פּי רוב דראַמאַטיש און אינטענסיוו.

דו ביסט אַזאַ שטילער,
— אַן איידעלער טרוים.
ביים זייט פון אַ וואַלד,
אַן איינזאַמער בוים.

און איך בין אַ כוואַליע,
וואָס רייסט זיך פון צאַם,
און רוישט ביי די ברעגן
פון שטורמישן ים.

... איך טו אַזאַ ריס זיך —
אַ שטויס זיך צום ברעג,
שפּרייט זיך אויס אין אומרו
און פאַל אָפּ אין שרעק.

עס איז געווען אין דער צייט פון די קריזיס-יאָרן, און די נויט האָט אויך אָנגעקלאַפּט אין דער דיכטערינס טיר. אין יענער צייט האָט זי זיך גענומען שרייבן לידער פון קאַמף און אידעאַליזם. אָבער דאָ פעלט דער פּאָעטישער כּישוף און וויזיע פון די פריערדיקע לירישע, יחידישע לידער.

אַן אויסנאַם פונם ציקל איז דאָס ערשטע ליד דער „מינען גרעבער" ווו זי זינגט אַ לויב צו דער מי. דאָס ליד איז בילדעריש און רייך אין מעטאַפאָרן. עס איז איינס פון די פרעכסטיקסטע אין בוך.

דער מינען-גרעבער

ווי אַ קראָט גראָבט טיף אין דער נידער,
צעטרייסלט דעם פעלדזיקן גליווער,
צינדט לעבן אין שטיין אינעם קאַלטן,
צעלויפן זיך שוואַרצע בריליאַנטן.

גלי-ווערעם שפּריצן מיט ליכט —
צעהאַמערט ליגט שיכט נאָך שיכט,
ערד עפנט אויף אירע ווונדן,
שוואַרצן זיך בערג אין די גרונטן.

פאַרנאַכט שטייגט ער אויף צו די הייכן,
די זון שפּריצט מיט גאָלד אין איר גלי.
זי צערייסט אירע בלוטיקע נעצן
און קושט אים די הענט פאַר זיין מי.

די דיכטערין האָט זיך געפילט זייער איינגעשפּאַנט אין איר שווערן לעבן. איר מצב ווערט אַלץ טרויעריקער. זי באַקלאָגט זיך אַז עס פעלט איר דער יום-טוב, און זי פאַרגלייכט איר מצב צו אַ קראַנקן אָדלער מיט צעבראָכענע פליגל.

עטלעכע יאָר צייט איז זי קראַנק געווען. אין די לעצטע טעג פאַר איר פּטירה האָט זי אַלץ אָנגעהאַלטן איר שרייבן, אָבער דאָס זענען געווען נאָר קורצע פראַגמענטן, אָנגעפילט מיט יאוש.

איבערקוקענדיג די פּאַפּירלעך, האָט איידע מאַזע אויסגעפונען אַז די דיכטערין האָט אַ סך מאָל איבערגעשריבן אירע שורות, זוכנדיק זיך אַלץ מער צו פאַרפאָלקאָמען. דאָס איז אפשר איינע פון די סיבות פאַרוואָס דער עזבון איז אַזוי קליין. אָבער דאָך מערקט זיך דאָ בולט איר פיינער טאַלאַנט.

קומט פון ערגעץ אַ טויב
קרייזט אַרום ביי דיין טיר.
טוט אַ בלענד און אַ בליץ,
טוט אַ שטראַל מיט איר ווייס
טוט אַ רויש מיט איר זייד.

אין חנה שטיינבערגס ליד שיינט אויף פּאַר אונדז ווידער איר מילדער, צאַרטער בליק. אין איר דיכטונג שפּיגלט זיך אָפּ נישט נאָר איר לעבן, נאָר אויך איר איידלקייט, און מיר פילן אַז זי איז נאָך אַלץ דאָ מיט אונדז.

☆ ☆ ☆

דער קיבוץ

גייט מען זיך דורך אין קיבוץ, ווייזט זיך אויס אַז מען איז אין אַ וווּנדערלעכן פּאַרק מיט גרינע, ציכטיקע לאָנקעס, אַזוי ציכטיק ווי די לופט אַליין. אַ שפּע מיט בלומען פּאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער שיינקייט. דאָ און דאָרט זעט מען אַ ריי שטיבלעך — פון פאָרנט אַ גאָרטן, און פון הינטן אַ פעלד מיטביימער.

אויפן וועג זעט מען עטלעכע אַרבעטער וואָס זענען פּאַרנומען מיט אויפשטעלן אַ הויז. דאָ גייט אָן אַ פּיבערדיקער פּראָצעס פון בויען. סיי די יונגע וואָס קומען צוריק פון דער אַרמיי-דינסט, און סיי די וואָס גרייטן זיך חתונה צו האָבן, מוזן פּאַרזאָרגט ווערן מיט הייזער. חוץ דעם ווערן די אַלטע הייזער פּאַרגרעסערט אָדער רעמאָנטירט, ווו נאָר נייטיק. נאָר איידער מען נעמט זיך בויען, שטעלט מען צום אַלעם ערשטן אויף אַ מקלט (אַ שוץ-אָרט), וואָס ווערט אויך באַנוצט פּאַר פּאַרשידענע אַנדערע צוועקן.אינעווייניק זענען די הייזער פיין מעבלירט, און מיט אַלע באקוועמלעכקייטן.

אויך די עלטערע חברים אין קיבוץ לעבן זיך בכּבודיק און באַקוועם. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשאָנקען די קראַנקע און שוואַכע. ביי יעדן חולה איז אינסטאַלירט אַ טעלעפאָן אין הויז, וואָס איז פּאַרבונדן מיט דער הויפט ביוראָ, אַזוי אַז ער האָט ווו זיך צו ווענדן ווען ער דאַרף הילף. פון צייט צו צייט זעט מען אַ חבר אָדער חברה פּאַר ווענען ס'איז שווער צו גיין, פאָרן אויף אַ קליין פּרימיטיוו וועגעלע. עס געפינט זיך אויך

אַ קליניק, וואָס איז ווי אַ קליינער שפּיטאָל. דער דאָקטער קומט אַהער עטלעכע מאָל אַ וואָך.

מערקווירדיק איז אַז וויפל געסט עס זאָלן ניט קומען, געפינט מען אַלץ אַן אָרט פאַר יעדן איבערצונעכטיקן, ווי די ווענט אַליין וואָלטן זיך צערוקט. אין דער סדר-נאַכט ווערן אויפגענומען גאָר אַ גרויסע צאָל געסט — אפשר צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן ווי עס געפינען זיך אין קיבוץ אַליין.

כאָטש עס זענען פאַראַן עטלעכע הונדערט מענטשן (אין געוויסע קיבוצים קען די צאָל גרייכן ביז טויזענט), וועלכע זענען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, הערשט דאָ אַזאַ דיסציפּלין און אַזאַ האַרמאָניע, אַז מען הערט אין ערגעץ ניט קיין הויך וואָרט. עס איז אַ סימפאָניע פון אַרבעט. און אפשר ווירקט דאָ אויך אויפן געמיט דאָס כסדרדיקע זיין אַזוי נאָענט מיט דער נאַטור.

אַ וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק וואָס מערקט זיך אין קיבוץ, איז די גלייכקייט צווישן די חברים און חברות. די לעצטע צייכענען זיך אויס ניט נאָר אין זייערע באַזונדערע ספּעציאַליטעטן, נאָר אויך אויף פיל אַנדערע געביטן.

דאָ, אין קיבוץ, פאַרשווינדט דער געפיל פון אָפּהענגיקייט פון דער פרוי. די חברות האָבן אויך מער צייט, ווייל די קינדער ווערן אויפגעפּאַסט. אַזוי אַרום זענען זיי פריי אין די אָוונטן זיך צו פאַרנעמען מיט קולטורעלער אַרבעט.

דער קיבוץ איז אין דער אמתן ווי אַ קליין שטעטל, וואָס ווערט אָנגעפירט פון פאַרשידענע אינסטאַנצן און אינסטיטוציעס. עס איז פאַראַן אַן עלמענטאַר שול וווּ מוזיק איז אויך אַ טייל פון קוריקולום, אַ מיטלשול (אַמאָל בשותפות מיט אַ דערבייִיקער קיבוץ), א לייען-צימער און אַ ביבליאָטעק. אָבער ניט אין אַלע קיבוצים זעט מען די זעלבע אינסטיטוציעס. למשל אין איין קיבוץ קען זיין אַ טעאַטער, נאָר אַ צווייטער האָט דאָס נאָך ניט באַוויזן אויפצובויען. אין אַ געוויסן קיבוץ (כפר מנחם) טרעפט מען אַ קונסט-שול, וווּ קינדער קומען פון ווי ווייט זיך צו לערנען, און אַן

אַנדערער (רמת יוחנן) איז באַשאָנקן מיט אַן אַרכיוו-צימער ווו עס ווערן געזאַמלט הגדות, און אויך מאַטעריאַלן פון אומעטום, וואָס גיבן איבער דעם שטייגער ווי די יום-טובים ווערן געפייערט. אין זעלבן קיבוץ געפינט זיך אַ באַזונדערער אָנדענק-צימער ווו עס ווערן אויפגעהיט מיט פּיעטעט די זכרונות פון די געפאַלענע אין די שלאַכטן.

עס איז אויך נייטיק צוצוגעבן אַז אין קיבוץ אָפּערירט אַ דראַמאַטישער קרייז, אַ כאָר, און אַ טאַנץ גרופּע. מיט גלענצנדיקן דערפאָלג טרעטן אויף דער קיבוץ אָרקעסטער און כאָר סיי אין שטאָט סיי אין קיבוץ. אויך פּלאַטן ווערן פאַרשפּרייט פון זייערע פאָרשטעלונגען. ביידע באַשטייען פון מיטגלידער פון די קיבוצים.

גאָר אַ וויכטיקער מאָמענט אין לעבן פון קיבוץ זענען די יום-טובים. אַחוץ די טראַדיציאָנעלע און סימבאָלישע אַספּעקטן, קומט צו אויך דער ביבלישער קאָלאָריט. אַזוי ווי אַ מאָל, האָט דאָ דער יום -טוב אַן ענגע שייכות מיט דער לאַנדווירטשאַפט און מיט דער נאַטור. ראש השנה, למשל, איז נישט נאָר דער אָנהויב פון יאָר. אַרום דער צייט צעאַקערט מען שוין די ערד. מען גרייט זי צו אויפן פרילינג, און מען קוקט שוין אַרויס אויפן ערשטן רעגן.

אָנגעזען ביי די צערעמאָניעס זענען די קינדער פון קיבוץ. עס איז איינע פון די עיקרים אין זייער דערציונג. ביים סדר איז רעזערווירט אַ פּראָמינענטער אָרט פאַר זיי. זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּראָגראַם, און זיי גרייטן אויך צו די קניידלעך פאַרן עולם.

(אגב, סוף וואָך ווערן געוויינלעך געבראַכט אַרטיסטן און קינסטלער פון שטאָט).

אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופן ווערט געפייערט דער יום-טוב פונעם ערשטן עומר אינעם קיבוץ רמת יוחנן. די פּייערונג קומט פאָר אויפן פרייען פעלד. דער פּראָגראַם איז רייך מיט געזאַנג און פאָרלעזונגען, און וווּנדערלעכע פאָלק-טענץ וואָס שפּיגלען אָפּ די באַדייטונג פונעם עומר יום-טוב. דעם דאָזיקן יום-טוב האָט איינגעפירט דער אַמביציעזער און טאַלאַנטירטער קאָמפּאָזיטאָר

און דיריגענט מיטן נאָמען מתתיהו שלם ע״ה. ער ווערט דאָ דערמאָנט מיט יראת הכּבוד.

מתּתיהו שלם האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס אין די יום-טובים. צו יעדן יום-טוב האָט ער געשאַפֿן לידער מיט ניגונים. אחוץ דעם האָט ער אויך געגרינדעט אין רמת יוחנן אַן אַרכיוו אינסטיטוט ווו עס ווערן אויפגעהיט ניט נאָר מאַטעריאַלן וועגן די יום-טובים, נאָר אויך וועגן פאַרשידענע וויכטיקע מאָמענטן אין לעבן פון קיבוץ. צו דעם דאָזיקן אינסטיטוט קומען אויך חברים פון אַנדערע קיבוצים צו שעפּן פונעם קולטור אוצר, און פון דער ווערטפולער ירושה וואָס מתתיהו שלם האָט איבערגעלאָזט.

אין דעם זעלבן קיבוץ פלעגן אַ מאָל קומען יאָפּאַנישע וואָלונטירן עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. זיי האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן דאָרטיקן אַרט לעבן, און מיטגעהאָלפן אין דער אגריקולטור-ארבעט. זיי האָבן זיך פאַרשאַפט פריינד און איבערגעלאָזט מתּנות.

בכלל קומען יעדן זומער וואָלונטירן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. עס איז פאַר זיי אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג דאָרט צו אַרבעטן, און אין איין וועגס זען דאָס לאַנד. אָבער באַזונדערס אָנגעלייגט זענען די יידישע אולפּן גרופּעס. פון זיי האָפט מען אַז אַ טייל וועט בלייבן אין קיבוץ.

עס איז געווען אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אַ געוויסן קיבוצניק, א ייד אין די העכערע מיטעלע יאָרן, מיט אַ מילד, האַרציק פּנים, און אַ וואַרעם קול. ער שפּרודלט מיט ענערגיע. זיין פרוי האָט אָנגעוויזן אויף דעם פּרעכטיקן, באַרגיקן גאָרטן, אויף וועלכן ער פּאַסט אויף, און אויף די שיינע, שטיינערנע טרעפּ וואָס ער האָט אַליין געמאַכט אויפן בערגל.

ער, ווידער, האָט דערציילט אַז ער גייט געוויסע טעג אויף עטלעכע שעה מיט חברים צו אַ דערבייאיק שטעטל, ווו עס וווינען מזרח-יידן. זיי העלפן זיי אויף פאַרשידענע אופנים, און אַחוץ דעם קנעלן זיי מיט זיי אויך וועגן סאַניטאַרישקייט. פריער פלעגן די

יידן אַרויסוואַרפן דאָס מיסט דורכן פענצטער. אָבער זיי האָבן אויפגעהערט דאָס צו טאָן, און די גאַסן זענען איצט ריינער.

און איצט וועגן אַ חברה וואָס איז אַהערגעקומען פון דייטשלאַנד מיט אַ סך יאָרן צוריק, און זיך באַזעצט אין אַ קיבוץ. דורך דער צייט האָט זי דורכגעלעבט אַ סך טרויער. זי האָט פאַרלוירן סיי איר מאַן און סיי איר איינציקן זון. אָבער צו דער אלמנה פון איר זון (אַ דייטשע פרוי) איז זי געבליבן זייער צוגעבונדן, כאָטש יענע איז צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.

די געוועזענע שנור האָט נאָך אַ מאָל חתונה געהאַט, און יעדעס יאָר קומט זי אַהער אויף פסח מיט אירע צוויי קינדער. דאָס יאָר איז זי געקומען מיט אַ גאַנצע גרופּע פון איר משפחה. די עלטערע פרוי האָט געשיינט מיט פרייד, גלייך ווי דאָס וואָלטן באמת געווען אירע אייגענע קרובים. די זעלבע חברה איז, אגב, זייער אַ קראַנקע. אָבער זי גיט זיך נישט אונטער. זי פּאָרט נישט אויף קיין וועגעלע. אין גאַנצן איינגעבויגן, באַוועגט זי זיך מיט אירע צוויי שטעקנס. יעדן באַגריסט זי מיט אַ שמייכל, און עס דאַכט זיך אַז איר לעבן איז בלויז וויזיע, און אַז דאָס האַלט איר אויף.

אין קיבוץ הערשט פולע דעמאָקראַטיע. אַן אויסגעוויילטע עקזעקוטיווע, וואָס באַשטייט פון אַ צאָל קאָמיטעטן, נעמט אויף אַלע פראַגעס, און ברענגט אירע פאָרשלאַגן צו די אַלגעמיינע זיצונגען. אויב די פלענער ווערן ניט גוטגעהייסן פון אַ מאַיאָריטעט גייען זיי ניט אַדורך.

ניט יעדער איינער קען אַריינקומען אין קיבוץ. מען מוז צוערשט דורכמאַכן אַ פּראָבע אויף אַ יאָר צייט, און דאַן ווערט באַשטימט ביי אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג צי מען זאָל דעם חבר אַריינגעמען.

דער בולעטין וואָס דערשיינט דאָ רעגלמעסיק, שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון קיבוץ. דאָ ווערט אָפּגעגעבן אַ גענויער באַריכט פון אַלע טעטיקייטן, און אויך פון פערזענלעכע ענינים. אויב אַ חבר שרייבט עפּעס אָן, קען ער עס אויך אָפּדרוקן אין בולעטין.

דער לעבנס-ניוואָ פון די מיטגלידער ווערט געהעכערט לויט דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון קיבוץ. באַזונדערס זייט די זעכציקער יאָרן זענען אַריינגעקומען אַ סך ענדערונגען צום גוטן אינעם דאָרטיקן לעבנס-שטייגער.

אין קיבוץ פילט זיך יעדער חבר רייך. איין קליינִיקייט, דער גאַנצער קיבוץ איז דאָך זיין אייגנטום. אַז מען רעדט צו אים וועגן זיין עשירות, לייכט אויף זיין פנים, און ער ענטפערט: "ס'איז גוט וואָס מיר האָבן דאָס דערלעבט".

אָבער מען דאַרף זיך ניט פאָרשטעלן אַז יעדער קיבוצניק איז אַ צדיק. ער קען זיך זיין אַ גאַנץ פשוטער ייִד פון אַ גאַנץ יאָר מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. נאָר ער אונטערשיידט זיך דערמיט וואָס ער האָט אויסגעקליבן צו וווינען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט ווו אַלץ ווערט גלייך פאַרטיילט.

אין דער אידילישער אַטמאָספער פון קיבוץ פילט זיך יעדער דערהויבן מיטן געדאַנק אַז ער לעבט ניט נאָר פאַר זיך אַליין. דאָ הערשט דער גייסט פון געמיינזאַמקייט, און פון אחריות פאַרן צווייטן. דאָ איז פרעמד די קנאה. קיינער לעבט ניט באַקוועמער, מעג ער זיין ווי געניט אָדער אינטערנעמעריש. מען איז דאָ דורכגעדרונגען מיט דער פרייד פון האָבן די זכיה צו זיין אין אַן אייגן לאַנד, און פון דעם גרויסן חלק וואָס מען האָט אין זיין אופבוי.

☆ ☆ ☆ ☆

☆ ☆ ☆

☆ ☆

☆

לידער

וואַן גאָף

דיין האַרץ האָסטו געעפנט
פאַר אָרעמע, געקריוודעטע,
מיט זיי קרוביש זיך געפילט.

אין די ענגע, טונקעלע שטיבלעך
פון די קוילנגרעבער
ביסטו אַריינגעדרונגען.
געזוכט צעליכטיקן
זייער מיזערנעם לעבן.
מיט אָפּשיי זיי געהילט,
און פאַראייביקט אין דיין בילד.

מיטן פויער האָסטו זיך געפעדערט,
מיט דיין בליק אים נאָכגעפּאָלגט.
פאַר זיך די געשטאַלט
פון אַ גיבור געזען,
וואָס מיט זיין יעדע תּנועה
פאַרזייט ער כּישוף, לעבן.
האָסט אים מיט צווייג און הימל פאַרוועבט,
און אויסגעזונגען אין דיין קאַנווע
אַ געזאַנג, אַ הימנע.

האָסט מיטגעאָטעמט
מיט דעם בוים און בלום,
מיט זיי מיטגעבליט.
דיין פּרי-בוים,
מיט זיין דאַרן שטאַם,
שטייט אַן אָנגעלאָדענער
מיט צוויט און זונענליכט.

צעשטראַלט האַלט ער אויפגעהויבן
זיינע צווייגן-פליגל,
גרייט אַוועקשוועבן
אינעם בלויען רוים.

אונטן פליסט, וויברירט די ערד,
אויבן בלישטשען וואָלקנס
מיט זייער ווייסן שיין.

מיט דיינע שאַרפע חושים
האָסטו געשפּירט, געהערט
ווען די ערד האָט זיך צעעפנט
און ס'האָבן זיך די פלאַנצן
אָנגעזאַפּט
מיט קראַפט און זאַפט
זיך צו דער זון געצויגן.

אַ שטורעם האט אין דיר געברויזט,
פלאַמיק זענען דיינע פאַרבן,
האַסטיק גראָב די שטריכן.
די גראָזן, זיי שטראָמען,
פאַרוואַנדלען זיך אין וואַסער.
עס ציטערן די שאָטנס,
ווינטיק איז די לופט.

פאַרקנסט ביסטו געוועןצו דיין הייליקער יצירה.
נאָר גרויס איז געוועזן די נויט.
האָסטו אָנשטאָט ברויט
זיך געשפּייזט מיט ... פאַרבן

די בריענדיקע זון
האָט דיין בלייִק לייב
פאַרוויאַנעט
און דיין זין פאַרוואָלקנט.
ווי ווייטיקדיק עס איז צו קלערן
אַז דיין לויטער, הייליק לעבן
האָסטו פאַר אַ קרבן
דער יצירה אָפּגעגעבן.

גרויסער קינסטלער, גרויסער שעפער,
ווי ווויל האָסטו אַנטפּלעקט
אַלע יענע ווונדער
פון דיין ווונדער-וועלט.

ס׳איז פאַר דיר געווען קלאָר
אַז מע קען פאַר וואָר
אויסדריקן בעסער אַלץ אין בילד
וואָס מע טראַכט און פילט.

האָסט נישט סתּם אַ בילד געמאָלן,
אָ, ניין.
אין אַלץ האָסטו געזוכט נשמה.
(דאָס האָסטו געזאָגט אַליין
אין אַ בריוו צום ברודער טעאָ).
ס׳האָט אָפּגעשפּיגלט זיך
אין אַלץ —
אפילו קליידער, אויך אין שיך.

אַזוי ווי אַ טאָגבוך
זענען דיינע בריוו געווען
צו דיין יינגערן ברודער טעאָ.
האָסט צו אים גערעדט
ווי צו זיך אַליין.
און כּדי ר׳זאָל געניי פאַרשטיין
וואָס אַזוינס דו האָסט געמיינט,
האָסטו זיי מיט בילדער באַשיינט.

טעאָ, נאָר טעאָ האָט דיך באַנומען.
און אַז אַ בריוו איז אָנגעקומען,
האָט עס מוט אין הילף געבראַכט
וועגן טעאָן האָסט תּמיד געטראַכט.

און צום סוף, ווען דו ביסט
אין דער אייביקייט אַוועק,
האָט טעאָ, אַ פאַרלאָרענער
דיך גלייך נאָכגעפאָלגט
אויף יענעם מיסטעריעזן וועג.

☆ ☆ ☆

זעער, אָ, זעער

(אין אָנדענק פון ה. לייוויק)

עס דרימלט דער זעער,
עס דרימלט זיין וועלט.
פאַרטויבט זיינע חושים,
פאַרגליווערט, פאַרשטעלט.

נאָך שוועבט פאַר די אויגן
דאָס פנים צעבליטע,
נאָך הערט זיך דאָס קול
מיטן ניגון צעגליטן.

שטיל איז דאָס האַרץ
וואָס געמאָנט האָט נאָר שלום.
פאַרשלאָסן די אויגן
וואָס געווען פול מיט חלום.

זעער, אָ, זעער, ניט דרימל.
ס'איז פרילינג, בלוי איז דער הימל.
הערסט ווי טייכן פליסן?
עס גרינען שוין די גראָזן.
הערסט ווי ס'שפּאלט זיך
קנאָספּ פון בלעטער?
כ'האב דערצו קיין ווערטער.

זעער, אָ, זעער,
שטיי אויף, דערוואַך.
גיב וויזיע, גיב ניגון
צו שטומער פראַכט.

☆ ☆ ☆

דער בלינדער קאָפּאָזיטאר

אין אָדע זינגט זיין בענקשאַפט אויס
צו אַ ווייטן חלום.
אָט שפּאַצירט ער אום אין פעלד.
פון ווייטן קומט זיין כּלה אָן.
(ר' זעט זי מיטביידע אויגן).
מונטער ווערן טענער.

איר לענטע שוועבט אום מיטן ווינט.
עס שימערירט אין זונליכט
די ווייסקייט פון איר בלוזע.
אזוי ווי בלומען צוויי
זענען אירע באַקן.

עס זינגען אין אים אירע רייד
אַזאַ שטילן ניגון.
ס'דערנענטערט זיך איר בליק.
(ער זעט זי אזוי קלאָר).
פאַרכּישופט ווערן טענער.

נאָר פּלוצעם הייבט אַ שטורעם זיך אויף
און פאַרשאַרפט די טענער.
פאַרלאָשן ווערט דאָס בילד.
שטילע, טונקעלע בענקשאַפט
ניגונט אויס די אָדע.

☆ ☆ ☆

דיין ניגון

(אין אָנדענק פון י.י. סיגאַל)

גייסט פאַרביי דעם גערויש פונעם מאַרק,
זעסט אַנדערע פאַרבן, און קלאַנגען.
דו הערסט אַ ניגון אַ ווייטן
פון פריערדיגע צייטן.

ווען שפּעט אין דער נאַכט שטייסטו אויף
צו דיין ליד
ווי צו חצות דער גאָטספאָרכטיקער ייד,
הערסטו דעם ניגון אַזוי בולט און קלאָר —
דאָס איז דיין לעבן,
דאָס איז דיין וואָר.

אין אַ רוחניותדיקער וועלט
זינגסטו תּפילהדיק שטיל דיין ליד
פון באַהאַלטענע צדיקים,
פון רמזים און פון נסים.
מיט טרויער-פרייד און וווּנדער-קלאַנג
עכאָט דיין געזאַנג.

☆ ☆ ☆

ראַשעל

(אין אָנדענק פון ראַשעל וועפּרינסקי)

ראַשעל גייט אין גאַס אַליין.
גייט זי טאַקע אַליין?
אָ ניין, ראַשעל גייט קיין מאָל נישט אַליין.
ביים זייט גייט עמעצער
וואָס איז לאַנג שוין נישט פון הי.

געקרייצט זענען די הענט,
און סודען צווישן זיך.
טויב און שטום זענען זיי

צו אַלצדינג וואָס אַרום.
זיי הערן נאָר ס׳געזאַנג
וואָס אין זיי גייט אויף.
און וווּ נאָר זיי גייען,
פאַרכּישופט איז דאָס אָרט.

☆ ☆ ☆

די בלאָנקענדיקע שיף

עס איילט זיך און עס יאָגט זיך
פון ברענענדיקן ברעג
די אומרוּיִקע שיף.
עס שרומפּן איין פון שרעק
די שוימיק ריזן-כוואַליעס.
אַלץ טיפער גראָבן זיך איין
די הערשער פונעם ים, די ים-חיות.

פריי דער וועג און אָפן.
בייִנאַכט באַגלייטן שטערן,
פינקלען אויס דעם וועג.
בייטאָג שטראַלט אויף די זון
און דעם וועג פאַרקירצט.

ערגעץ ווייט דאָרט גאַרט און וואַרט
אַן אויסגעטרוימטער ברעג
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.
עס דאַכט זיי ציען זיך
אויף אַלע אירע וועגן.

ווען אין קאַיאָר
אַנפּלעקט פּלוצעם זיך דער ברעג
אין ווייטן האָריזאַנט,

פראַלט אויף מיט ליכט דער הימל
ציט זיך אויס פון עק צו עק
און וועקט דעם טאָג פון דרימל.
בשורהדיק די לופט
און דורכזיכטיק-בלוי.

עס שימערן אַראָפּ
די שוימיק ווייסע כמאַרעס.
שפּיגלען זיך אין פענצטער-אויגן.
פייגל רינגלען די שיף אום,
(ס׳דאַכט זיי נעמען זי אַרום).
און זינגען אין אַ כאָר.
עס רונצלט זיך דאָס וואַסער,
און עס פינקלט צו.

אַלץ גרינגער באַוועגט זיך די שיף.
פריידיק, פול מיט שפּיל
גליטשט זי זיך אָן שטער
צו איר חלום-ציל.

נאָר צום סוף —
ווען ס׳דערנעענטערט צום ברעג זיך די שיף,
הייבט פּלוצעם זיך אַ נעפּל אויף
און דעם ברעג פאַרמעקט, פאַרשטעלט...
און דער הימל, וואָס ערשט געווען צעהעלט
איז טונקל איצט, פאַרגרויט.

דאָס וואָס איז ערשט געווען קלאָר
איז איצט מער נישט וואָר.
און ס׳איז גאָרנישט צום פאַרשטיין
וואָס דאָ איז געשען...

צעטומלט, אומרויִק די שיף,
און וואַרפט זיך הין און הער.
עס ציט איר נאָר צו וואַנדערן.
בלאָנקעט זי אויף אַלע ימען
און זוכט אומעטום
דעם חלום-ברעג אַרום...

☆ ☆ ☆

ביים געטאָ-מאָנומענט

דאָ, ביים זייט
פון געטאָ מאָנומענט,
דאָ בליט און גרינט אַ פּאַרק.
נאָר ווי קען אַ פּאַרק דאָ זיין?...

דאָ רוישט און ברויזט די ערד
און קען נישט איינרוען.
די פאַרצווייגטע ביימער
וואָס רינגלען דאָ אַרום,
דאָס זענען סקעלעטן
מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס
וואָס מאָנען נאָר און שטראָפן.

און די בלימעלעך אָן צאָל,
וואָס ווינקען מיט קאָלירן,
דאָס זענען נשמהלעך
פון עופעלעך וואָס רוען,
עופעלעך אָן צאָל.

שווער די לופט
מיט וויי און צאָרן.
ווי קען אַ פּאַרק דאָ זיין?...

☆ ☆ ☆

אַ הפקר שטורעם

דאָרט, ווו די הימלען ברומען,
ווו די ערד זיך וואַקלט,
און ווערט אין שטויב צעגאַנגען,
דאָרט לויפסטו אַנטקעגן
מיט דיין יונג לייב אָפשטעלן
אַ הפקר-שטורעם מיט פלאַמען.

און ווען עס דראָעט, ס׳שטיקט די נאַכט,
און ס׳קנוילט די קעלט דיך איין,
ראַנגלסטו זיך ווי אַ וואָרעם
דיין אָטעם איינצוהאַלטן.

☆ ☆ ☆

דער ביינאכטיקער ווינט

מיט אומרו פליט דער ווינטער-ווינט
אין אַ הוילער וועלט.
פון אַלע זייטן קלייבט ער
שטילע ווייען, זיפצן.
אין דער שרעקיקער נאַכט
קלאָגט ער זיי אַריין.
אַלץ שווערער ווערט די משא.
מאָנט ער און ער ליארעמט
מיטן גאַנצן כּוח
אין געדיכטן חושך.

☆ ☆ ☆

מיט אַ צעבראָכענעם פליגל

אָנגעלאָדן איז דער טאָג
מיט האָניק און מיט זונשיין.
ביימער רויטלען זיך,
צינדן אָן די לופט.
טשאַטעס מעוועס זאַמלען זיך,
קרייזן אום דעם רוים,
און באצווינגען אים
מיט ריטמישן באַוועג.

נאָר אונטן, אינעם טייכל,
שווימט, ניין ראַנגלט זיך
אַ מעווע, גאַנץ אַליין.
צומאָל שפּרייט ער אויס די פליגל,
(ס'איז אַ שטומער אויסגעשריי),
און שפּרינגט אויף און קלאַמערט זיך
אין דער הוילער לופט.

אָט רייסט ער זיך צום ברעג צו,
נאָר בלייבט שטעקן אינעם זאַמד
ווי אין אַ בלינדער... נעץ.

☆ ☆ ☆

וואַסערפאַלן

בליציק-שנעל יאָגן זיך
ווילדע וואַסערפאַלן.
עס קאָלערן זיך די עכאָס,
שפּריצן וואַסער-פונקען.

פונעם הויכן פעלדז
גליטשט אייליק זיך אַראָפּ
לויטער ווייסער שוים.
דער שוים איז ווייסע ליכט.

אַ ליכטיק-ווייסער שטרייף
איז איינגעראַמט אין באַרג.

כלה-טיול און כלה-וואל
וויקלט זיך אַראָפּ.
אַ לויטער ווייסער חלום
שוועבט אַרום אין לופטן.

☆ ☆ ☆

אַ פונק לעבן

אַ ווייסער מדבר אַרום.
עס דרעמלען די ביימער-סילועטן.
עס הענגט אַראָפּ דער הימל,
אַזאַ שווערע גרויע משׂא.
פאַרטונקלט איז דער טאָג.
נאָר פּלוצעם, פון ערגעץ ווו
שוועבט פאַרביי
אַ שוואַרץ קליינטשיק פייגעלע
ווי אַ פּינטל אין דער לופטן —
אַ פונק לעבן
אין דער מאַטער גרויקייט.

☆ ☆ ☆

שניי פלאַטערלעך

ווייסע פלאַטערלעך פלאַטערן אום.
אָט טאַנצן זיי אין קאַראַהאָד
און אַלץ דרייט זיך אין אַ ראָד.
אָט איילן זיי זיך מיטן ווינט
ערגעץ אָנקומען געשווינד.
אָט ציטערן זיי פול מיט שרעק,
פאַרלוירן האָבן זיי דעם וועג.

אָט פֿאַלן זיי אַראָפּ געדיכט,
און עס רעגנט ווייסע ליכט.
ווייסע שטילקייט, ווייסע פֿרייד,
מיט אייך זינגען מיינע רייד.

☆ ☆ ☆

דאָס בלעטעלע

- בוים, בוים, ליבער בוים,
זע, איך האַלט זיך קוים.
האַלט מיך צו,
לאָז מיך נישט אָפּ,
באַלד פֿאַל איך אַראָפּ,
כ'בין פֿול מיט שרעק,
כ'וויל נישט פֿון דיר אַוועק.

- בלעטעלע, מיין בלעטעלע,
איך האָב דיך ליב,
נאָר איך בין מיד.
דיך צוהאַלטן איז מיר שווער.
וויש אָפּ די טרער
און וויין נישט מער.

- אזוי לאַנג פֿון דיר אַ טייל געווען,
כ'ווייס נישט ווי דאָס קען געשען.

- בלעטעלע, מיין בלעטעלע,
נישט וויין, נישט וויין.
דו וועסט נישט פֿאַלן אַליין.
ס'פֿאַלן אַנדערע ווי דו.

זיי וועלן אַלע מיט דיר זיין,
בלייִק-רויט און קופּערנע
ווי דו פול מיט שיין.
די גאַס וועט אַזוי ליכטיק זיין.
דאָס וועט ברענגען מענטשן פרייד.
ווערסט געדענקען מיינע רייד.

☆ ☆ ☆

ווייסער בלענד

דאָ, אין פּארק,
אַנטקעגן איבער מיין פענצטער,
קומט פּאָר אין קאַיאָר
פון מעוועס ווייסע
אן אסיפה.
זייער ווייסער בלענד
ציט זיך אין דער לופטן.

מען שמועסט און מען רעדט
וועגן אַלץ וואָס איז פאַרלאָפן.
צי קליינוואַרג איז גוט געשלאָפן,
צי ס'איז ווייך, באקוועם די נעסט,
און צי זי איז געבויט פעסט.
אויך וואָס מען דאַרף האָבן אין זינען
ווען מען וויל שפּייז געפינען.
ווי קליינוואַרג צו דערציען
זיי זאָלן וואָס גיכער קענען פליען.
און בכלל אַלצדינג וואָס איז וויכטיק
און ווי צו טון אַלצדינג ריכטיק.

צום סוף,
גיבן זיך אַלע אַ הייב אויף
פול מיט פרייד און גלאַנץ,
און טאַנצן אויס אין לופטן
אַזאַ ליבשאַפט-טאַנץ.

☆ ☆ ☆

אויף די שפּיצן בערג

אויף די שפּיצן בערג
הערשן ווינטן, רעגנס.
צעשטויבן זיי און שווענקען
די צאַפּלדיקע ערד
ביז פון זיי ווערט
הוילע פעלדזן בלויז.
און אויף אלע זייטן
קריצן זיי פראַנק און פריי
וואָס עס פאַלט זיי איין דערביי —
קאָנטורן אַלערליי
פין זונען און פון פלאַנצן
ווי נאָר צו רייצן זיך מיט זיי.

געשטאַלטיקט ווי אַ ריזן-חיה
רוט אַ משא שטיין
אויפן רוקן פון אַ פעלדז.
דרעמלט ער אַריין
אין דער בראשית-שטילקייט
פון די פאַרשטומטע בערג.

☆ ☆ ☆

באַרג אַרויף

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ
ווי אַ הירש אין גאַלאָפּ
לויף איך און איך שפּרינג.
כ'הוידע זיך און זינג.

אָט דערלאַנג איך צום הימל בלוי
צו די כמאַרעס העל און גרוי,
און אָט צום טייך שוועב איך אַראָפּ
וואָס איז פויל און רוט זיך אָפּ,
און ער רונצלט זיך קוים, קוים
מיט שרעק אַז ער וועט ווערן שוים.

איך הייב זיך אויף צוריק ווי אַ הינד
און ווידער שוועב איך מיטן ווינט.

☆ ☆ ☆

וועגן

וועגן ציען, לאָקן,
פירן און פאַרפירן.
אַרויף באַרג זיי איילן
ביז די ווייסע וואָלקנס.
קאָלערן זיך אַרונטער
נעמען זיך און הוידן,
שפּרינגען איבער שטיינער,
טונקען זיך אין זומפּן.
שניידן דורך די פעלדער,
דרייען זיך אַרום,
גלאַט אַזוי פאַרטראַכט.
לייגן זיך אויס פלאַך,
רוען אין אַ דרימל.

☆ ☆ ☆

דיינע לעצטע טעג

האָסט געפילט אַלץ מער
ווי ס׳טריפט דאָס לעבן אָפּ.
אַזוי ווי אין אַ שפּענדל האָסטו
אין דעם זיך אָנגעהאַלטן.

האָסט אַלץ ציטערדיק געפּרעפּלט:
״אם ירצה השם, אם ירצה השם״.
ס׳איז יעדער טאָג געווען נס.
אַלץ שוואַכער איז דיין טראָט געוואָרן.
ס׳האָט זיך די וועלט
אַלץ מער דערווייטערט.

געלבעלעך-בלאַס איז דיין פּנים געווען.
אין דיינע לעצטע טעג.
ווי אַ פאַרוויאַנעט בלעטל
וואָס האַלט ביים אַראָפּפאַלן
האָסטו אויסגעזען.

כ׳האב אין זיך אַריינגענומען
דיין פּיין און דיין געראַנגל,
און דיינע מילדע רייד
אין דיינע לעצטע טעג.

☆ ☆ ☆

דו שלאָפסט

דו שלאָפסט, מיין ליבער,
און ס׳דרעמלען מיט דיר דיינע ווייען.
אַזאַ רו ווייט פון די ווענט.
דיין שמייכל ליכטיקט אויף דאָס צימער
זוניק איז דיין חלום-וועלט.

נאָר אויף מיר דריקט אַזאַ שווערע משא
פון אלע דיינע ווייען.
טאָ ווי קען איך איצט
דיך אויפוועקן
דיין חלום-וועלט צעשטערן?

☆ ☆ ☆

אָן דעם טאַטן

ער האָט אים קיין מאָל ניט געזען,
דאָך, און דמיון ווייזט ער זיך.
אים דאַכט זיך תּמיד אויס
אז פּונקט ווי ער זעט ער אויס.

לאַנג קוקט ער אין שפּיגל.
ניט זיך אַליין זעט ער,
נאָר דעם טאַטן זיינעם.
(וואָס איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן,
און געלאָזט נאָר וווּנדן.)

און וווּ נאָר ער קומט,
אין אַ יעדן אָרט,
קוקט ער זיך אַרום,
זוכט מיט די אויגן אום.

ער זוכט אַן אויסזען צו געפינען
וואָס איז צו אים ענלעך.
אַזאַ מין נאָענטשאַפט זוכט ער
וואָס אים פֿעלט אַלס מער און מער.

☆ ☆ ☆

יעקב בן עמי

(אין "די גרינע פעלדער")

ווען דו, (אַלס ישיבה בחור),
האָסט זיך אויף דער בינע באַוויזן,
איז אַלץ געוואָרן פאַררענדערט,
ס'האט זיך אויסגעדאכט
ווי וואָלסט געווען פון ניט-הי.

דאָ האָט מען נאָר געזען
דיין איידעלען, שלאַנקן גוף,
נאָר דיין גייסט
האָט ערגעץ ערגעץ ווו געשוועבט.
ווי אַ וויזיע
האָסטו זיך באַוויזן.

שוין לאַנג, שוין לאַנג
איז דאָס געווען
דאָך איז עס אַזוי בולט איצט
ווי ס'וואָלט ערשט געשען.

☆ ☆ ☆

טונקעלער שאָטן

טונקעלער שאָטן, העלער שיין
זינגען זיך אין מיר אַריין.
אָט איז דאָס וואַסער פינצטער, ס'שרעקט
און אָט ליכטיקט עס און רעגט,
אָט שטייט דער בוים און צער אַליין,
אָט וויגט ער זיך און שטראַלט אויס חן.
אָט זעען בערג דערווייטערט אויס,
און אָט נאָענט, היימיש, גרויס.

אָט זענען אויגן פֿאַרשטאַרט, שטום,
און אָט וואַרפֿן פֿונקען אום,

טונקעלער שאָטן, העלער שיין
זינגען זיך אין מיר אַריין.

☆ ☆ ☆

כ'שפּיר...

כ'שפּיר אין פֿעלד-ריח דיין אָטעם,
אין צווייגן-רויש הער איך דיין טראָט.
אומעטום ביסטו מיט מיר
כ'שמועס זיך כּסדר אויס מיט דיר.

אָט שטייסטו נאָענט לעבן מיר,
כ'האָב דאָ געוואַרט אויף דיר.
באַרג אַרויף הויך שטייגן מיר —
אַלץ אַרום זיך ציט צו דיר.

דיין פּנים שיינט אַנטקעגן זון
ווי קיין מאָל, קיין מאָל פֿריער.
פֿייגל, בוים און בלום,
אַלץ איז געשפּאַנט און שטום.

כ'האָב אַזוי פֿיל צו דערציילן,
נאָר ווי די בערג בין איך שטום...

☆ ☆ ☆

ביי דיין שטוב

אַ גנב שטיי איך ביי דיין שטוב,
זי איז אַ פֿעסטונג, פֿעסט פֿאַרזיגלט.
טונקל איז אַרום.
אינווייניק איז ליכטיק.
דאָרט דרייט די זון זיך אום.

איך קאָרטשע זיך אין פּחד,
זוך אַ שפּאַרע זיך באַהאַלטן,
כ׳דריי זיך, כ׳קוק אין אַלע זייטן.

אַ בעטלער שטיי איך ביי דיין טיר,
כאַפּ אויף יעדן שאָרך און קלאַנג,
צי עס איז זיך אַריין,
עס איז מיר אייגן, נאָענט.

מיט מיין גאַנצער ליבשאַפט
צערטל איך די טיר און גלעט,
ווי דו אַליין וואָלסט עס געווען.

☆ ☆ ☆

אַז איך האָב דיך דערזען

עס האָט אויפגעבלויט דער הימל,
ס׳האָט זיך דער טאָג צעשטראַלט,
און אויף אַלע וועגן
זענען ווערוויקלער געשפּרונגען.
פון בוים צו בוים
זענען פייגעלער געפלויגן.
ערגעץ פון דער ווייט
האָט אַ וואַסערפאַל געעכאָט.
דער ווינט האָט זיך צעפלאַטערט,
און די לופט האָט זיך צעזונגען,
ס׳האָבן זיך צום ניגון
מיטגעוויגט די גראָזן —
אַז איך האָב דיך דערזען.

☆ ☆ ☆ ☆
☆ ☆ ☆
☆

אינהאַלט

עסייען

ה. לייוויק .... 7 — 13
מאַני לייב .... 14 — 20
י. י. סיגאַל .... 20 — 27
יוסף ראָלניק .... 28 — 32
רחל קאָרן .... 33 — 37
יעקב גלאַטשטיין .... 37 — 43
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי .... 44 — 49
רקודה פּאָטאַש .... 50 — 55
איידע מאַזע ע"ה .... 55 — 61
פּעסי הערשפעלד-פּאָמעראַנץ .... 61 — 63
חיים קרול .... 64 — 68
ליכט אין שאָטן אין אַנאַ מאַרגאָלינס דיכטונג .... 69 — 72
אַלטער עסעלין .... 72 — 75
מלכּה לי .... 76 — 80
ראַשעל וועפּרינסקי .... 81 — 84
צוויי ביכער פון ראַשעל וועפּרינסקי .... 84 — 87
אסתּר סיגאַל .... 88 — 92
מירל ערדבערג-שאַטאַן .... 92 — 96
מרים אולינאָווער .... 96 — 101
בערטע קלינג .... 102 — 105
חנה שטיינבערג .... 105 — 109
דער קיבוץ .... 109 — 114

לידער

וואַן גאָף .... 117 — 120
זעער, אָ, זעער .... 120 — 121
דער בלינדער קאָפּאָזיטאר 121
דיין ניגון 122
ראַשעל .... 122 — 123
די בלאָנקענדיגע שיף .... 123 — 125
ביים געטאָ-מאָנומענט 125
אַ הפקר שטורעם 126
דער ביינאכטיקער ווינט 126
מיט אַ צובראכענעם פליגל 127
וואַסערפאַלן .... 127 — 128
אַ פונק לעבן 128
שנייי פלאַטערלעך .... 128 — 129
דאָס בלעטעלע .... 129 — 130
ווייסער בלענד .... 130 — 131

אויף די שפּיצן בערג.................... 131

באַרג אַרויף.................................. 132

וועגן... 132

דיינע לעצטע טעג......................... 133

דו שלאָפסט 133

אָן דעם טאַטן................................ 134

יעקב בן עמי 135

טונקעלער שאָטן .... 135 — 136

כ׳שפּיר 136

ביי דיין שטוב .... 136 — 137

אַז איך האָב דיך דערזען 137

☆★☆★☆

☆★☆

★